STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10962

DI KULTUR-ARBET TSVISHN DI YIDISHE ARBETNDIKE INEM RATNFARBAND

Sh. Klitenik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קליטעניק

די קולטור-אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע אינעם ראַטנפאַרבאַנד

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר.
1931 מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק 1931

Уполн. главлита № В 9709 Заказ 2243 Тираж 3000 экз.

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва,
Шлюзовая набережная, 10.

קאפיטל איינס

די באָלשעוויסטישע נאציאָנאלע פאָליטיק

מיר ווילן דאָ בלויז פארצייכענען אייניקע וויכטיקערע שטריכן פון דעם, ווי אזוי עס ווערט פארענטפערט די נאציאָנאלע פראגע אינעם ראטנפארבאנד. די נאציאָנאלע פאָליטיק פון די באָלשעוויקעס האָט געבראכט אין א קורצער צייט צום גרעסטן עקאָנאָמישן אופבלי פון די האָרעפּאשנע מאסן בא די פריער אונטערדריקטע פעלקער. די אינדוסטריעלע צענטרען פונעם ראטנפארבאנד זיינען שוין איצט ניט נאָר מאָסקווע, לענינגראד, איוואנאָווא-וואָזנעסענסק, דאָנבאס. זיי האָבן זיך פאר דער צייט היפש א רוק געטאָן אף מיזרעך, צו אוראל, סיביר, טורקעסטאן, קאזאקסטאן, אוזבעקיסטאן, אוקראינע און ווייסרוסלאנד — צו די ערטער, ווו עס וווינען די פילצאָליקע פעלקער, וואָס זיינען פריער געווען אונטערדריקט. אין די ערטער זיינען פארבאהאלטן גרויסע נאטור-אויצרעס. ביז דער רעוואָליוציע האָט מען זיי ניט אויסגענוצט. אין די געגנטן און קאנטן האָט דאָס צאריש-קאפיטאליסטישע מאכט ניט געוואָלט אנטוויקלען קיין אינדוסטריע. דאָס זיינען געווען פאר איר קאָלאָניעס, מע איז דאָרט געזעסן אף די שפיצן פון שווערדן. עס איז גרינגער געווען צו עקספלואטירן די אָרטיקע מאסע, ווי אָפגעשטאנענע פויערים.

איצט קומען דאָרט אוף גרויסע אונטערנעמונגען. עס ווערט געבאָרן א טורקמענישער, קאזאקסטאנישער, אוזבעקישער פראָלעטאריאט. עס וואקסט דער פראָלעטאריאט אין אוקראינע און ווייסרוסלאנד, עס ווערן אינדוסטריאליזירט גאנצע נייע געגנטן. עס ווערט אופגעהויבן אף א שטופע פון הויכער מעכאניזאציע די לאנדווירטשאפט פון די אָפגעשטאנענע ראיאָנען. די דאָרפישע ווירטשאפט ווערט שנעל קאָלעקטיוויזירט. מיט איין וואָרט, גרויסע מאסן פון אופגעשטאנענע ראיאָנען שטייען צו צו דער גרויסער סאָציאליסטישער בויונג.

אזעלכע וווּנדערלעכע אופטוען האָבן מיר, נאטירלעך, אויך אין דער יידישער סוויווע. אויך דאָ איז דיזעלבע באָלשעוויסטישע נאציאָנאלע פאָליטיק. פאר 10—12 יאָר ראטן-מאכט (10—12 יאָר, מאכמעס אין אוקראינע, ווייסרוסלאנד, ווו די גרעסטע יידישע מאסע געפינט זיך האָט די ראטנמאכט זיך פארפעסטיקט אין 19—20 יאָר) האָט זיך אינגאנצן געענדערט דער באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג. דאָס איז א פאקט פונעם גרעסטן באדייט. גופע צווישן די יידישע לוינארבעטער איז די גרעסטע גרופע גראדע יענע ארבעטער, וואָס ארבעטן אין דער גרויסער זאוואָדישער אינדוסטריע (43% פון אלע יידישע ארבעטער). דאָס איז אויך א געוואלטיקע נייס. ביז דער רעוואָליוציע איז דאָך די גרעסטע מערהייט

ייִדישע ארבעטער געווען פארנומען אין דער האנטווערקערישער קוסטארישער פּראָדוקציע. אין פּוילן איז ביז איצט העכער ¾ פון דער אלגעמיינער צאָל ייִדישע ארבעטער באשעפטיקט אין קלייניקע ווארשטאטלעך, און אונטערנעמונגען מיט איינעם ביז צען ארבעטער. אין די קליינע אונטערנעמונגען אינעם ראטנפארבאנד זיינען פארנומען צום היינטיקן טאָג ניט מער, ווי 25% ייִדישע ארבעטער, אָנשטאָט בלויז נאָדל=ארבעטער, לעדער=ארבעטער האָבן מיר שוין א גרויסע מאסע ייִדישע מעטאליסטן, קוילן=גרעבער, טראנספּאָרטלער, בלויז אינעם גרויסן מעטאל=זאוואָד אין דער שטאָט דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן מיר 5 טויזנט ייִדישע ארבעטער. מיר האָבן אויך א גרויסע ייִדישע ארבעטערשאפט אין די גרויסע מאָסקווער, לעניגראדער, כארקאָווער אונטערנעמונגען, אף אוראל א. א. וו. סארא קאָלאָסאלער אונטערשייד צווישן באשטאנד פון ייִדישע ארבעטער אינעם ראטנפארבאנד און אין קאפּיטאליסטישן אויסלאנד!

און דאָס גרויסע ייִדישע פויערטום, וואָס האָט זיך געשאפן אין דער צייט פון דער רעוואָליוציע? צום היינטיקן טאָג דערגרייכט די צאָל ייִדישע פויערים ארום 300 טויזנט נעפאשעס. ביז דער רעוואָליוציע, אין 1913=טן יאָר, האָבן מיר געהאט בלויז 52 טויזנט נעפאשעס. מיר האָבן אזוי ארום א וווקס אף ארום 600%. אזוינס קאָן נאָר זיין אין לאנד פון סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. די ייִדישע באפעלקערונג ווערט לויטן ווילן פון דער אָקטיאבער=רעוואָליוציע אן ארבעטערשע און א פויערשע.

און דיזעלבע גרויסע, וווּנדערלעכע אופטוען האָבן מיר אויך אין דער קולטור=ארבעט צווישן די צענדליקער מיליאָנען האָרעפּאשנע מאסן פון די פארשיידענע פעלקער. אין ערטער, וווּ עס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין שולן, פּאָשעטע אָנפאנג=שולן, אין ערטער, וווּ מע האָט קיינמאָל ניט געהערט דאָס וואָרט שול, וווּ די באפעלקערונג איז קימאט אף אלע הונדערט פּראָצענט ניט געווען גראמאטנע,— אין די ערטער קומען איצט אוף שולן, טעכניקומס, אוניווערסיטעטן אף דער אייגענער נאציאָנאלער שפּראך.

אַמאָל האָט לענין געזאָגט, אז „נאציאָנאלע קולטור“ איז א שעדלעכע זאך. דער פּראָלעטאריאט דארף ניט און טאָר ניט פאר דעם קעמפן. דאָ איז אָבער געגאנגען א רייד וועגן א בורזשואזער „נאציאָנאלער קולטור“, וועגן אזא קולטור, וואָס העלפט צעבערעקלען, צעשטויבן די קויכעס פון אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאט. עס האָט זיך דאָ געהאנדלט וועגן א „נאציאָנאלער קולטור“, וואָס פאַרייניקט אין איינעם פאָלק דעם ארבעטער=קלאס מיט דער בורזשואזיע. קעגן אזא נאציאָנאלער קולטור האָט לענין פאראקשנט געקעמפט, און געקעמפט האָט ער אין דער פראגע אויך קעגן די בונדיסטן. זיי, די בונדיסטן, האָט ניט געארט און ארט ניט, וואָס די נאציאָנאלע קולטור איז א בורזשואזע, אבי זי איז א נאציאָנאלע, ריכטיקער, זיי איז גראדע געווען צום הארצן, וואָס די נאציאָנאלע קולטור איז דאפקע א בורזשואזע. מיר ווייסן דאָך, ווי זיי קוועלן אָן פון די „ייִדישע געווינים“, פונעם „שיינעם, פּאָעטישן“ טאנאך, פון די ייִדישע רעליגיעזע יאָנטויוים. מע פייערט דאָך כאנעקע, פורים, מע שרייבט דאָך לעקאָוועד דעם „הייליקן“ פייסעך — „פייסעך=געדאנקען“. מע קאָנקורירט מיט די ציאָניסטן און מיט אנדערע בורזשואזע און קליינבירגערלעכע פּארטייען אין טרייקייט צו דער „שיינקייט“ פון ייִדישן אמאָל, מע דערקלערט פייסעך פאר א „יאָנטעוו פון באפרייונג“ און די עמעסע באפרייונג — די אָקטיאבער=רעוואָליוציע באקעמפט מען. מע לויבט

דובנאָוון, דעם בורזשואזן רעאקציאָנערן היסטאָריקער, מע לויבט אים פאר זיין צעיושעטן נאציאָנאליזם. דובנאָוו איז געוואָרן פארן „בונד“ אן אייגענער, א נאציאָנאלער היסטאָריקער. אָט די „קולטור“ האָבן מיר באקעמפט און וועלן באקעמפן.

אין ראטנפארבאנד שאפט זיך אן אנדער נאציאָנאלע קולטור, א קולטור פון האָרעפּאשנע מאסן, א פּראָלעטארישע. זי האָט גיט צו טאָן מיטן גאנצן בורזשואזן און פעאָדאלן אלטווארג. זי לערנט די מאסן אף דער אייגענער נאציאָנאלער שפּראך צו פארשטיין די באציונגען פון די פארשיידענע קלאסן אין דער היינטיקער געזעלשאפט, לערנט זיי, ווי אזוי בעסער ארגאניזירן די ווירטשאפט, ווי אזוי ארויסגיין פון דער דוירעסדיקער פינצטערניש אין וועלכער זיי זיינען געווען ביז דער רעוואָלוציע. מיט איין וואָרט, עס איז *אזא נאציאָנאלער קולטור*, וואָס *פאראייניקט גרויסע האָרעפּאשנע מאסן צו דער סאָציאליסטישער בויונג*. אָט די קולטור וואקסט און וועט זיך בא אונדז צעוואקסן אין א אומגעהויער ברייטן פארנעם. אף אונדזער לעצטן פארטיי-צוזאמענפאָר, אף דעם 16-טן, האָט דער כ׳ סטאלין דערקלערט, אז „דער פעריאָד פון פּראָלעטארישער דיקטאטור און פון סאָציאליסטישער בויונג פונעם ראטנפארבאנד איז א פעריאָד *פון אויפבלי* פון די נאציאָנאלע קולטורן, וואָס זיינען סאָציאליסטישע לויטן אינהאלט, און נאציאָנאל לויט זייער פאָרם. ווען עס ווערט איינגעפירט און איינגעוואָרצלט די אלגעמיינע אָבליגאטאָרישע אָנפאנג-בילדונג אף דער מוטער-שפּראך, דארפן זיך די נאציאָנאלע קולטורן פאנאנדערוויקלען *מיט א נייער קראפט*“.

און ווייל דער אינהאלט פון דער קולטור-ארבעט, וואָס ווערט געפירט אף צענדליקער פארשיידענע שפּראכן, איז אומעטום איינער און דערזעלבער, א פּראָלעטארישער, א אינטערנאציאָנאלער, דארפן באָלשעוויקעס „אונטערשטיצן די אנטוויקלונג פון די נאציאָנאלע קולטורן בא די פעלקער אינעם ראטנפארבאנד“ (סטאלין). *

דער כ׳ סטאלין זעצט פאָר ווייטער זיין געדאנק. ער זאָגט: „מיר זיינען אָנהענגער פון *צונויפגיסן* אין דער צוקונפט די נאציאָנאלע קולטורן אין איין אלגעמיינער קולטור, סיי לויטן אינהאלט, סיי לויט דער פאָרם“.

כ׳ סטאלין דערווייזט, אז גראדער „דער אויפבלי פון די נאציאָנאלע קולטורן (און שפּראכן) אין פעריאָד פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אין איין לאנד גרייט צו באדינגונגען פאר דער אָפּשטארבונג און צונויפגיסונג פון די נאציאָנאלע קולטורן אין איין אלגעמיינער סאָציאליסטישער קולטור (און אין איין אלגעמיינער שפּראך) אין פעריאָד, ווען דער סאָציאליזם וועט זיגן אין דער גאנצער וועלט“.

קאפּיטל צוויי

די גאנצע קולטור-ארבעט צו דינסט דער סאָציאליסטישער בויונג

אינעם פאָריקן קאפּיטל האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אז די גרויסע קולטור-ארבעט, וואָס מיר פירן צווישן די ארבעטנדיקע פון פארשיידענע פעלקער, איז דורכגעזאפּט מיט רעוואָלוציאָנערן אינטערנאציאָנאלן אינהאלט. קולטור — נאציאָנאל

* אומעטום סטאל נס קורסיוו.

לויט דער פאָרם, און אינטערנאַציאָנאַל לויטן אינהאַלט — איז דער צענטראַלער און וויכטיקסטער פּרינציפּ, וואָס איז גילטיק פאַר די פאָרגעשריטענע און אָפּגעשטאַנענע פעלקער. דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו אינטערנאַציאָנאַלער קולטור סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן אינהאַלט. דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד שאַפט זיך די קולטור פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט פון דער גאָרער וועלט.

דער צווייטער וויכטיקער פּרינציפּ פון דער סאָוועטישער קולטור=אַרבעט איז דאָס, וואָס זי מאָביליזירט פאַר דער סאָציאַליסטישער בויונג. די גאַנצע קולטור=אַרבעט, אָנגעהויבן פון דער אַרבעטשול און פאַרענדיקט מיט דער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן האָט אויסצופילן באַשטימטע נויטן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. וואָס באַטייט עס? דאָס באַטייט, אַז אין ראַטן=פאַרבאַנד שטייט ניט די פראַגע וועגן בילדונג ביכלאַל, קולטור ביכלאַל, מענטשן זאָלן זיין ביכלאַל באַלעזן, „אינטעליגענט", ווי עס פאַרשטייען עס די בורזשואַזע און קלייגבירגערלעכע קולטור=ניקעס, — נאָר עס האַנדלט זיך וועגן אַ קולטור, וואָס העלפט דערבויען דעם פונדאַמענט און די געביידע פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק, וועגן בילדונג, וואָס העלפט הייבן די אַרבעטס=פּראָדוקטיווקייט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, אין די ראַטווירטן און קאָלווירטן. עס גייט אַ רייד וועגן אַזאַ קולטור=אַרבעט, וואָס גרייט טוער פאַר דער אַרבעטער=מעלוכע. עס האַנדלט זיך וועגן אַ קולטור, וואָס מאַכט אַ רעוואָליוציע אין שטייגער און העלפט שאַפן אַ סאָציאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע בא די אַרבעטנדיקע מאַסן: נייע באַציונג צו אַרבעט, נייע באַציונג צו קאָלעקטיוו, נייע באַציונג צו פרוי, פאַמיליען=לעבן א. אַז. וו.

די סאָנים פונעם אַרבעטער=קלאַס און פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור האָבן ביז דער לעצטער צייט געהאַט איין טרייסט, זיי האָבן געטיינעט: עמעס, דער רוסישער פּראָלעטאַריער האָט געמאַכט אַ רעוואָליוציע, ער האָט איינגעשטעלט זיין דיקטאַטור. אָבער די וויסנשאַפט, די בילדונג, די אַקאַדעמיעס האָט ער ניט באַהערשט, דאָס אַלץ געפינט זיך דאָך בא אונדזער אינטעליגענץ, בא די בורזשואַזע פּראָפעסאָרן און געלערנטע. און דאָ וועלן די פּראָלעטאַריער געוויס ליידן אַ מאַפּאָלע. זיי וועלן ניט קאָנען אָנפירן מיט דער ווירטשאַפט, זיי וועלן דערפירן דאָס לאַנד צו כורבן און קאַטאַסטראָפע. אַזוי האָבן געטיינעט די סאָנים פונעם אַרבעטער=קלאַס אין דער גאָרער וועלט. בא אונדז האָבן זיי עס ניט געוואַגט הויך אַרויסזאָגן, האָבן זיי שטילערהייט, פאַרבאַהאַלטענערהייט געשעפּטשעט וועגן די קלעפּ, וואָס מיר וועלן כאַפּן אף אָט דעם געביט.

מע דאַרף זאָגן, אַז זיי האָבן ניט נאָר געשעפּטשעט, זיי זיינען דורכגעקראָכן אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער פאָלקווירטשאַפט און געפירט אַ ברייטע און פאַרצווייגטע צעשטערערישע אַרבעט. געוואָלט האָבן זיי ברענגען דאָס לאַנד צו קריזיס און כורבן, און אַזוי אַרום דערווייזן, אַז אַרבעטער קאָנען ניט אָרגאַניזירן די פאָלקווירטשאַפט, אַז סאָציאַליסטישע בויונג איז אוטאָפּיע. ווי באַוווסט, האָבן מיט די אַרבעטער פון ראַטנפאַרבאַנד געוואָלט אף אַזאַ אויפן לערנען „טוירע" דער עסערישער מאָנאַרכיסט אינזשענער פּאַלטשינסקי, דער דעמאָקראַט פּראָפעסאָר ראַמזין, דער סאָציאַליסט=רעוואָליוציאָנער פּראָפעסאָר קאָנדראַטיעוו און דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער עקאָנאָמיסט גראָמאַן. זיי האָבן געבראַכט אַן אומגעהויער גרויסן שאָדן דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע. אָבער דערפירן דאָס לאַנד צו קריזיס און כורבן האָבן זיי בעשום אויפן ניט געקאָנט. אין דעם האָבן זיי זיך אַליין מוידע געווען. די לעצטע טרייסט פון די סאָנים פונעם

אַרבעטער=קלאַס ווערט איצט צעקלאַפט אַף פיץ=פיצלעך. די לענינשע פאַרטיי האָט געוואָרפן א לאָזונג — פראָלעטאַריער, באַהערש די פראָדוקציע, באַהערש די טעכניק, ווער א הערפינדער, טראַכט וועגן ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט אַף דיין פאַבריק, באַהערש די וויסנשאַפט, פאַרפיל די געביידעס פון די וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אַקאַדעמיעס. מיר בויען אונדזער גאַנצע קולטור=אַרבעט צו דערגרייכן דיהאָזיקע צילן.

אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, אַף די סאָוועטישע פעלדער שאַפן זיך נייע פאָרמען פון אַרבעט, פאָרמען וואָס זיינען אומעגלעך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער: סאָציאַליסטישער געוועט צווישן פאַרשיידענע אַרבעטער=קאָלעקטיוון, שלאָגלערישע אַרבעט. דער ענטוזיאַזם פון די אַרבעטער=מאַסן צו הייבן די אַרבעט=פראָדוקטיווקייט, צו ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט שטויסט זיך אָבער אָן אַף דער טעכנישער אָפּגעשטאַנענקייט פון די אַרבעטער=מאַסן. אונדזערע סאָוועטישע געלערנטע האָבן אויסגערעכנט, אז די פאָלקווירטשאַפט פאַרלירט יערלעך הונדערטער מיליאָנען רערפון, וואָס די אַרבעטער זיינען טעכניש אָפּגעשטאַנען. מיר בויען איצט זאַוואָדן, עלעקטראָסטאַנציעס, קאָמבינאַטן, וואָס וועלן לויט דער טעכניק און פראָדוציר=קראַפט זיין די צווישן די מעכטיקסטע אונטערנעמונגען אין דער וועלט — מאַגניטאָגאָרסקער זאַוואָד אַף אוראַל, דנעפּרבוי אין אוקראַינע א. א. וו. דיהאָזיקע גרויסע און מעכטיקע אונטערנעמונגען פאָדערן אוואַדע טעכניש=אַנטוויקלטע אַרבעטער. האָט אונדזער קולטור=אַרבעט אַן אויפגאַבע געבן די אַרבעטער טעכנישע וויסנשאַפט.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועלן מיר גענוי ריידן וועגן דעם אינהאַלט פון פאַרשיידענע טיפן שולן און וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן באַטייט פון זיי. דאָ, אין דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער קולטור=אַרבעט, ווילט זיך אָפּשטעלן אַף דער סיסטעם פון אַרבעטער=בילדונג. זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָ א נייער טיפּ שילער, א שילער, וואָס איז אומבאַקאַנט דער אַמאָליקער שול. דערדאָזיקער שילער לערנט זיך אויך איצט ניט אין דער אַלגעמיינער אָנפאַנגלעכער שול, אין דער געוויינלעכער מיטל=שול, אין דער הויכשול. ער לערנט זיך אין פאַרשיידענע קרייזן און קורסן אַף דער פאַבריק אָדער זאַוואָד. דער שילער איז א פראָלעטאַריער, ער אַרבעט באַם וואַרשטאַט. די קרייזן און קורסן פון די פאַרשיידענע מאַדרייגעס אין די פאַבריקן און זאַוואָדן האָבן אַן אויפגאַבע צו ליקווידירן די אַלגעמיינע און טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט, זיי האָבן אַן אויפגאַבע צו הייבן די קוואַליפיקאַציע פון די צוהערער. א פּאָר יאָר לערנען אין דיהאָזיקע קרייזן און קורסן גיט א באַשטימטע אַלגעמיינע בילדונג, (אַן ערעך מיטעלע בילדונג) און קוואַליפיקאַציע (א טעכניקער פון א מיטעלער מאַדרייגע). דער אַרבעטער, וואָס האָט אָפּגעלערנט עטלעכע יאָר אין די קרייזלעך און קורסן קאָן בלייבן אַרבעטן אַף דעם אייגענעם זאַוואָד אַלס ספּעציאַליסט, אָדער ער גייט אין הויכשול. אַזעלכע שילער=פראָלעטאַריער זיינען איצט פאַראַן אין די צענדליקער טויזנטער. באַזונדערס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל אַזעלכע שילער נאָך די באַוווסטע פראָצעסן איבער די מאָנאַרכיסטן, דעמאָקראַטן, „סאָציאַליסטן" נאָכדעם, ווי דער כ׳ סטאַלין האָט אויפן צוזאַמענפאָר פון די רויטע דירעקטאָרן גערופן דעם אַרבעטער=קלאַס צו באַהערשן די טעכניק.

די ארבעטער=בילדונג איז טאקע אינטערעסאנט דערמיט, וואָס דאָ איז אזוי אָרגאניש פארבונדן דאָס לערנען אלגעמיינע לימודים מיט הויבן די טעכנישע קוואליפיקאציע פונעם ארבעטער, דאָס הייסט די בילדונג איז אפּן ענגסטן אויפן פארבונדן מיט דער סאָציאליסטישער בויונג, זי איז דאָ דורכויס מאָביליזירט אַף אויספילן באשטימטע סאָציאליסטישע אויפגאבן. די ארבעטער=בילדונג איז אויך אינטערעסאנט דערמיט, וואָס זי עפנט דעם ארבעטער א וועג פון קורסן, וואָס ליקווידירן דעם אלגעמיינעם און טעכנישן אנאלפאבעטיזם, צו דער הויכשול, פארבייגייענדיק די נאָרמאלע שולן. נאָר אין לאנד פון פּראָלעטארישער דיקטאטור קאָן איינגעשטעלט ווערן אזא סאָציאליסטישע סיסטעם פון פאָלק=בילדונג.

נאָר יונג איז נאָך די ארבעטער=בילדונג. מיר האָבן נאָך דערוויל ניט קיין פאנאנדערגעארבעטע סטאטיסטיק פון דער צאָל פארשיידנארטיקע קרייזלעך, קורסן, שולן און ארבעטער=אוניווערסיטעטן. מיר קאָנען דעריבער דאָ ניט פארצייכענען וויפל יידישע ארבעטער און ארבעטער=יוגנט זיינען אריינגעצויגן אין די נייע ארבעטער=שולן אף די פאבריקן און זאוואָדן. עס איז אָבער קלאָר, אז די יידישע ארבעטער און ארבעטער=יוגנט זיינען פאָרגעשטעלט אין די ארבעטער=שולן אין א זייער גרויסער צאָל. מיר האָבן האָך צום היינטיקן טאָג אן אויסגעוואקסענע יידישע ארבעטערשאפט אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, אין די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פונעם ראטנפארבאנד, אין דער שווערער אינדוסטריע, דאָס הייסט, האָרט ווו מיר האָבן די בעסטע מוסטערן פון די נייע ארבעטער=שולן. די יידישע ארבעטער געפינען זיך באגלייך מיט די ארבעטער פון אנדערע פעלקער אין די פאָדערשטע רייען פון דער סאָציאליסטישער בויונג. זיי נעמען דעריבער העם אקטיווסטן אנטייל אינעם ארבעטער=מארש פאר באהערשן די טעכניק, פאר בילדונג, וואָס עס גייט בא אונדז אין לאנד. דער דראנג צו בילדונג איז איצט בא די ארבעטער געוואלטיק גרויס. פאר יעדן פּראָלעטאריער, האָרעפּאשניק איז איצט קלאָר, אז דורך בילדונג וועט ער קאָנען ווערן א בעסערער שלאָגלער, ער וועט קאָנען בעסער אויספילן דעם סאָציאליסטישן געוועט, ער וועט קאָנען העלפן ראציאָנאליזירן די אַרבעט אף זיין אונטערנעמונג.

און ניט נאָר דאָס, די בילדונג איז בא אונדז דורכויס א פּאָליטישע, א רעוואָלוציאָנערע. זי גיט דעם ארבעטער א גרויסע פּאָליטישע קולטור, זי גרייט עם ארבעטער און האָרעפּאשניק צו מעלוכישער ארבעט (אין ראט, אין אויספירקאָם), צו פּראָפעסיאָנעלער (אין זאווקאָם, אין פאריין), צו ווירטשאפטלעכער, קאָאָפּעראַטיווער ארבעט א. א. וו. און ווייל די בילדונג האָט בא אונדז אזעלכע באשטימטע צוועקן און צילן רופט זי ארויס אזא גרויסן אינטערעס בא די ארבעטנדיקע מאסן. אָט דערציילט לעמאָשל, דער פּראָפעסער קעלער אפן 6=טן אלפארבאנדישן ראטן=צוזאמענפאָר:

„ניט לאנג האָב איך געלייענט לעקציעס פאר קאָלווירטניקעס, א העלפט קאָלווירטניקעס זיינען געווען קאָמוניסטן, א העלפט — אומפארטייִשע. פאר מיין לעבן האָב איך אסאך לעקציעס געלייענט פאר פארשיידענע אודיטאָריעס, נאָר כ'האָב קיינמאָל ניט געפילט, אז די אודיטאָריע זאָל זיין אזוי פארכאפּט, זי זאָל ארויסווייזן אזא געוואלטיקן אינטערעס צו וויסנשאפט. און אָט דאָס טאקע צווינגט די בעסטע געלערנטע זיך אוועקגעבן צו דינסט דעם ארבעטער=קלאס, דער סאָציאליסטישער בויונג. מיר האָבן פארשטאנען, אז דער עמעסער געלערנטער, וואָס האָט ליידנשאפטלעך ליב די וויסנשאפט, דארף זיין א קאָמוניסט. דער כ' סטאַלין

האָט ווי אַן עכטער פירער, אינעם לאָזונג „באהערשט די טעכניק“ אויפגעכאַפּט יענע מעכטיקע באוועגונג צו בילדונג און קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן בא די מאַסן. מיר זיינען גרייט צו דינען דער דאָזיקער באוועגונג“.

דער פּראָפעסער קעלער וויל ווערן אַ קאָמוניסט דערפאַר, וואָס עס בליט בא אונדז די וויסנשאַפט. ער גייט אַרויס, אַזוי צו זאָגן, פון זיין פּראָפעסיע. דאָס איז פאַר אים, ווי אַ געלערנטן, כאַראַקטעריסטיש. אָבער דאָס, וואָס ער ווייזט אָן איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. אַזוי איז עס.

קאַפּיטל דרײַ

אַלגעמיינע בילדונג אין דער ייִדישער סוויווע

פונעם 1930-טן יאָר איז דער סאָוועטן-פאַרבאַנד צוגעטראָטן איינפירן אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג. צו דער צייט האָט זיך דער ראַטנפאַרבאַנד עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט. ער האָט אַנטוויקלט מיט אַן אומגעהויערער קראַפט און שנעלקייט די פּראָדוציר-קרעפטן פונעם לאַנד. אינעם 13-טן יאָר פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט דער פּאָנעם פונעם לאַנד. וויסטע געגנטן, פאַרוואָרפנסטע קאַנטן, אָפּגעשטאַנענע ראַיאָנען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע צענטרען פון אינדוסטריע, קאָלעקטיווזירטע לאַנדווירטשאַפט. עס שאַפט זיך אַ נייע גרויסע מעטאַלורגישע באַזע אַף אוראַל, עס האָט זיך אויסגעבויט נייע אייזנבאַן-ליניעס אין סיביר (טורקסיב), עס בויען זיך אונטערנעמונגען פון וועלט-מאַסשטאַב, אין ערטער, ווו די באַפעלקערונג האָט נאָך ביז איצט קיין מאָל ניט געהערט קיין פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, קיין פאַבריק-סירענע, אין ערטער, ווו מענטשן האָבן ביז דער רעוואָלוציע געלעבט אַן אוראַלט-לעבן, אַ וואַנדער-לעבן. עס איז געקומען די צייט, ווען מיר קאָנען שטעלן די פראַגע, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג זאָל זיין גראַמאָטנע, און פריער פאַר אַלץ, דער אונטערוואַקסנדיקער דור. מיר האָבן שוין איצט קרעפטן און מיטלען אַף דערגרייכן עס. אין אונדזער פּראָלעטאַרישער מעלוכע וועט דאָך די אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג זיין „דער גרעסטער זיג ניט נאָר אַפן קולטורעלן, נאָר אַפן פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעכן פראָנט“ (סטאַלין). אונדזער פּראָלעטאַרישע מעלוכע האַלט זיך אַף דער אַקטיווקייט פון די מיליאָנען אַרבעטנדיקע. איז דאָך דעריבער קלאָר, אַז וואָס מער קולטורעלער, באַוווּסטזיניקער עס וועלן זיין די אַרבעטנדיקע מאַסן, אַלץ שטאַרקער, פעסטער וועט זיין די פּראָלעטאַרישע מעלוכע, און טאַקע דערפאַר קעמפן מיר מיט אַזוי פיל איינגעשפּאַרטקייט און ענערגיע פאַר איינפירן די אַלגעמיינע בילדונג.

די אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג האָט אויך דעם גרעסטן באַטייט פאַר דער קולטור-בוינג אין דער ייִדישער סוויווע. שוין צום סאָף 30-טן יאָר האָבן מיר געהאַט אין ראַטנפאַרבאַנד העכער 1100 ייִדישע שולן — פיר-יאָריקע און 7-יאָריקע, מיט אַ מאַסע שילער בא 130 טויזנט. נאָר אין אוקראַינע אַליין האָבן מיר געהאַט צום סאָף 30-טן יאָר 785 ייִדישע שולן מיט העכער 82 טויזנט שילער. אין ווייסרוסלאַנד — 262 ייִדישע שולן מיט 33 טויזנט שילער, אין די דערפער פון קרים — 50 שולן.

דער וווּקס פון די ייִדישע שולן גייט פאַר די לעצטע יאָרן שטורעמדיק. אַזוי למשל, האָבן מיר אין 1926 יאָר געהאַט 500 שולן, אין 1927 יאָר — 642

שולן, אין 1928 יאָר — 731 שולן, און אין 1930 יאָר — העכער 1100 שולן. אין מעשעך פון איינע פינף יאָר א וווקס אַף מער פון 100% (509—1100). עס איז גאָר איבעריק אָנצוּווייזן, אַז קיין איין הויך־אַנטוויקלט קאַפּיטאַליסטיש לאַנד האָט אַזעלכעס ניט געקאָנט און קאָן ניט באַווייזן. נאָך כאַראַקטעריסטישער וועט זיין, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן אַזאַ ציפער: אין 12־טן יאָר זיינען געווען אין צאַרישן רוסלאַנד אַף דער טעריטאָריע פונעם איצטיקן ראַטנפאַרבאַנד. 429 „יידישע שולן“ (און וועלכע שולן? קאַזיאָנע יידישע אָנפאַנג־שולן מיט דער רוסישער און העברעישער שפּראַך, אָדער פּריוואַטע העברעישע שולן) מיט 30 טויזנט קינדער. און אין 1930 יאָר — העכער 1100 יידישע מעלוכישע, סאָוועטישע שולן. אין דער יידישער שפּראַך מיט 130 טויזנט שילער. וואָס פאַר א געוואַלטיקער אונטערשייד! אויסער די יידישע שולן ווערן נאָך די יידישע קינדער באַדינט דורך די אַלגעמיינע סאָוועטישע שולן. אַזוי למשל, באַדינען די סאָוועטישע רוסישע און אוקראַינישע שולן 80 טויזנט יידישע קינדער אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד רוסישע און ווייסרוסישע שולן — בא 30 טויזנט יידישע קינדער, א. א. וו. די יידישע אַרבעט־שולן צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע סאָוועטישע שולן כאַפּן איצט אַרום די יידישע קינדער פון שול־עלטער קימאַט אַף אַלע 100%.

אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד איז דער פּראָצענט יידישע קינדער פון שול־עלטער, וואָס ווערן באַדינט דורך יידישע אַרבעט־שולן העכער פון 50%. עס זיינען דאָ פיל פּונקטן מיט א קאָמפּאַקטער יידישער באַפעלקערונג, ווו אַלע יידישע קינדער ווערן אַרומגעכאַפּט מיט די יידישע סאָוועטישע אַרבעט־שולן. פון יאָר צו יאָר ווערט דער פּראָצענט קינדער, וואָס די יידישע שולן באַדינען, אַלץ א גרעסערער. ווען מיר נעמען למשל, פּוילן, א לאַנד, ווו דער פאַשיזירטער יידישיזם בויט „קולטור“, זעען מיר, אַז אין 1926 יאָר איז די צאָל יידישע קינדער, וואָס זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט שולן בכלל, — געוואַלטיק קליין. אין גאַנצן 56,2%. עס איז אויך אינטערעסאַנט א צווייטע ציפער. פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע קינדער, וואָס לערנען זיך אין פּוילן כאַפּן אַרום די יידישיסטישע פאָלק־שולן שוין צוזאַמען מיט די העברעישע שולן 8,1%, דאָס הייסט, א צוועלפט־כיילעך פון דער גאַנצער מאַסע יידישע קינדער און דאָס אַלץ זאָל הייסן, אַז אין פּילסודסקיס לאַנד וואַקסט די יידישע קולטור און מע מאַכט דערפון א טאַראַראַם איבער דער גאַנצער וועלט. מיר שאַפן א רעוואָלוציאָנערע, א סאָוועטישע, א פּראָלעטאַרישע יידישע קולטור, און די קולטור וואַקסט בא אונדז אומגעהויער שנעל. די ציפערן, וואָס זיינען שייעך פּוילן זיינען עמעס, פאַרן 1926 יאָר, אָבער די לעצטע יאָרן, די יאָרן פון פּילסודסקיס קיניגן זיינען דאָך אויך ניט קיין יאָרן פון וווקס פון שולן בכלל, און יידישע בפרט. אָט שרייבט דאָך דער יידישיסט מינצין, אַז „די שולעס מיט דער יידישער אונטעריכט־שפּראַך אין פּוילן האָבן די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרלאָרן סיי אין דער צאָל, סיי אינעם באַשטאַנד פון זייערע טאַלמידים“. יעדן טאָג דערציילט די פאַשיסטישע און סאָציאַל־פאַשיסטישע יידישע פּרעסע אין פּוילן, אַז דאָ און דאָרט האָבן זיך צוגעמאַכט יידישע פאָלק־שולן. אָט דאָס זיינען צוויי סאַכאַקלען, א סאַכאַקל פון א סאָציאַליסטיש לאַנד, און א סאַכאַקל פון א קאַפּיטאַליסטיש לאַנד.

אויסער די 1100 יידישע אַרבעט־שולן האָבן מיר נאָך בא 300 יידישע פאָר־שול־אַנשטאַלטן: קינדער־הייזער, קינדער־גערטנעריי, קינדער־קאָלאָניעס. אין אוקראַינע אַליין האָבן מיר 200 אַזעלכע פאָרשול־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע כאַפּן אַרום

3 טויזנט יידישע קינדער. דאָס אלץ איז שייעך דער צאָל יידישע שולן. עס איז אָבער ביז גאָר וויכטיק און נויטיק זיך אָפּשטעלן אף דעם כאראקטער פון די שולן. דאָ קאָן מען שוין ניט פארגלייכן אונדזערע יידישע סאָוועטישע שולן און די שולן פון דער צענטראלער יידישער שול=אָרגאניזאציע אין פוילן, אָדער פון אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער, מאכמעס זיי שיידן זיך אזוי שטארק אונטער, אז עס איז אומעגלעך דורכפירן א וואָסער ניט איז פארגלייך.

אונדזערע יידישע סאָוועטישע ארבעט=שולן, באגלייך מיט די שולן פון אנדערע פעלקער, בויען די לעצטע צייט איבער זייער גאנצע ארבעט. מיר האָבן שוין א היפּשע צאָל יידישע שולן, וואָס האָבן זיך שוין איבערגעבויט. ווי אזוי בויען זיי זיך איבער און וואָסערע שולן שטעלן זיי מיט זיך פאָר? זיי בויען זיך איבער אין עמעסע ארבעט=שולן. די גאנצע ארבעט אין שול ווערט אזוי אָרגאניזירט, אז מע לערנט אויס די מאשינעס, די אָרגאניזאציע פון דער ארבעט אין פארשיידענע פאבריקן, אונטערנעמונגען, קאָלווירטן און ראטווירטן. צוליב דעם דארף יעדער שול זיין פארבונדן מיט א פאבריק, א זאוואָד, א קאָלווירט אָדער ראטווירט. די קינדער פון די עלטערע גרופּעס ארבעטן א באשטימטע צאָל שאָען אין דער פאבריק, אונטערנעמונג, קאָלווירט און אלץ, וואָס זיי טוען דאָרט און וואָס זיי זעען ווערט איינגעלערנט בעשאס די לימודים אין שול. די קלענערע קינדער ארבעטן אין ווארשטאטן בא דער שול און אלץ, וואָס זיי טוען דאָרט, ווערט איינגעלערנט בעשאס די לימודים.

די קינדער סיי די קלענערע, סיי די גרעסערע טוען אוף וואונדערלעכע זאכן אין די אונטערנעמונגען און אף די פעלדער. זיי אגיטירן די ארבעטער און זייערע עלטערן אופהויבן די פּראָדוקטיווקייט פון דער ארבעט. זיי פאָדערן בא זייערע עלטערן, זיי זאָלן ווערן שלאָגלער, זיי זאָלן אריינגיין אין די קאָלעקטיווע פויערשע ווירטשאפטן, זיי זאָלן פירן א סאָציאליסטישן געוועט. די קינדער קלייבן ברוכווארג (מעטאל=שטיקער און אנדערע טייערע זאכן) אין די אונטערנעמונגען, זיי פירן א גרויסע קולטור=ארבעט צווישן די ארבעטער, אָרגאניזירן אָוונטן, פאָרשטעלונגען, לאָזן ארויס וואנט=צייטונגען. דאָס אלץ לערנען זיי זיך אויס אין שול, און טאקע דערפאר באגעגנט די ארבעטערשאפט מיט ווארעמקייט די שול=קינדער. די ארבעטער לערנען די קינדער, ווי אזוי צו ארבעטן, זיי באקענען זיי מיט די מאשינעס, מיט דער ארבעט=צעטיילונג. מע אָרדנט איין צוזאמען אָוונטן פון שול און פאבריק. די פאבריק באזאָרגט די שול מיט ווארשטאטן, מע גיט די קינדער הילף, אזוי ארום נעמען די קינדער א הייסן אָנטייל אין דער גרויסער סאָציאליסטישער בויונג, וואָס גייט בא אונדז אין לאנד. אין אלע אונדזערע דערפאָלגן האָבן א גרייסן כיילעק די מיליאָניקע קינדערשע מאסן.

מיר האָבן שוין הונדערטער יידישע שולן, וואָס האָבן זיך שוין באוויזן אף אזא אויפן איבערבויען און זיי זיינען געוואָרן עמעסע סאָציאליסטישע ארבעט=שולן. ניט לאנג האָט דער ערשטער אלרוסלענדישער צוזאמענפאָר וועגן אלגעמיינער בילדונג (פעווראל, 1931 יאָר) פרעמירט א יידישע שול פונעם יידישן ראיאָן (פרייהאָרף, קרים) מיט א ווארשטאט פאר 1500 רובל פאר דעם, וואָס די שול האָט זיך איבערגעבויט אין א פּאָליטעכנישער שול. און דאָס איז ניט די איינציקע יידישע שול. פיל יידישע שולן פירן א גרויסע אגיטאציע צווישן די רוסישע, אוקראינישע, ווייסרוסישע פויערים פאר איינפירן נייע פאָרמען פון באארבעטן די ערד, פון האָדעווען בעהיימעס, כאוויירים, אויפעס, זיי פירן אן אגיטאציע פאר

אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע פויערשע ווירטשאַפטן. קינדער פון ייִדישע שולן קומען אין לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען פאַר רוסישע קאָלווירטן. וועגן דעם דערציילן רוסישע, אוקראַיִנישע, ווייסרוסישע פויערים אַף אָוונטן פון ייִדישע שולן. זיי קומען אויסדריקן א האָרעפּאַשנעם דאַנק די קינדער פון די ייִדישע שולן פאַר דער גרויסער הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זיי. דאָס איז דאָך בעעמעס, סאָוועטישע וווּנדער. אַזעלכע וווּנדער זיינען נאָר מעגלעך אין לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אין לאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט צווישן די אַרבעטנדיקע פון פאַרשיידענע פעלקער. אונדזערע אַרבעט־שולן זיינען, וואָס גרייטן באַוווּסטזיניקע פּראָלעטאַריער, קעמפער פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. וועגן אַזלכע שולן האָבן געטראַכט די פירער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט מאַרקס, ענגעלס, לענין.

קאַפּיטל פיר

פּראָפעסיאָנעלע בילדונג אין דער ייִדישער סוויווע

אַנשטאָט די אַמאָליקע האַנטווערקערישע צדאָקע־שולן, דאָס הייסט, שולן, וואָס פלעגן אויסלערנען דעריקער די אָרעמע ייִדישע מיידלעך א קוסטאַרישע מעלאָכע, זיינען איצט אויפגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד א מאַסע אַלערליי פּראָפעסיאָנעלע אַנשטאַלטן. אַנשטאַלטן מעלוכישע, סאָוועטישע. מיר האָבן איצט אין ראַטנפאַרבאַנד 30 ייִדישע אינדוסטריעלע טעכניקומס. אין אוקראַיִנע אַליין זיינען דאָ 22 ייִדישע אינדוסטריעלע טעכניקומס מיט 10 טויזנט שילער. אינעם נייעם ייִדישן ייִשעוו אין בירעבידזשאַן האָבן מיר שוין אויך 2 אינדוסטריעלע טעכניקומס. די טעכניקומס געפינען זיך אין די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטערס, ווי כאַרקאָוו, דנעפּראָפּעטראָווסק, קיעוו, אָדעס א. א. וו. זיי זיינען פון פאַרשיידענע מינים: מאַשינבויערישע, כעמישע, האָלצבאַאַרבעטנדיקע, צוקערבאַאַרבעטנדיקע א. א. וו. כוץ די אינדוסטריעלע טעכניקומס פאַרמאָגן מיר אויך צום הייַנטיקן טאָג 5 ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע טעכניקומס מיט א 1000 שילער. אין אוקראַיִנע האָבן מיר אויך א ייִדישן מעדיציניש טעכניקום, א קונסט־טעכניקום. אין מאָסקווע האָבן מיר א טעאַטראַלן טעכניקום. כוץ די אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע טעכניקומס האָבן מיר נאָך א גרויסע מאַסע פּראָפשולן, אינדוסטריעלע, לאַנדווירטשאַפטלעכע. ייִדישע פּראָפשולן זיינען פאַראַן קימאַט אין אַלע גרעסערע ייִדישע פונקטן. בלויז אין ווייסרוסלאַנד האָבן מיר 10 ייִדישע פּראָפשולן, אין אוקראַיִנע איז די צאָל אין דריי—פיר מאָל גרעסער.

דאָס אַלץ איז אויסגעוואַקסן נאָר די לעצטע פּאָר יאָר. אין 1926 יאָר זיינען אינעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד געווען ניט מער ווי 7 ייִדישע טעכניקומס. ייִדישע פּראָפשולן האָבן מיר געהאַט אין 1926 י. איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד ניט מער ווי 12. איצט זיינען דאָ קימאַט אַזויפיל אין ווייסרוסלאַנד אַליין, די קומענדיקע יאָרן וועלן אַף געוויס זיין יאָרן פון נאָך א גרעסערן שטורעמדיקן וווּקס, ווייל די סאָוועטישע ייִדישע טעכניקומס און פּראָפשולן גרייטן קוואַליפיצירטע אַרבעטער און מיטעלע ספּעציאַליסטן פאַר דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ גרעסער די באַדערפעניש אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער און

מיטעלע ספעציאַליסטן. פון יאָר צו יאָר וועט זיך דעריבער פאַרגרעסערן די צאָל יידישע פּראָפעסיאָנעלע אַנשטאַלטן.

א גרויסע מאַסע יידישע יוגנטלעכע ווערט באַדינט דורך די אַלגעמיינע טעכניקומס און פראַפשולן, אויך דאָ האָבן מיר פון יאָר צו יאָר א גרויסן וווּקס. אזוי, צום ביישפּיל, איז אין 1927 יאָר די צאָל יידישע שילער אין די אַלגעמיינע טעכניקומס, דערין אויך אין די פּעדאַגאָגישע, געווען 9400, און צום הייַנטיקן טאָג לערנען זיך בלויז אין די אַלגעמיינע אינדוסטריעלע טעכניקומס אין אוקראַינע העכער 10 טויזנט יידישע שילער. אין די אַלגעמיינע טעכניקומס אין ווייסרוסלאַנד לערנען עטלעכע טויזנט יידישע יוגנטלעכע. אויך אף ווייטער וועט די צאָל יידישע יוגנט אין די אַלגעמיינע טעכניקומס שטאַרק אויסוואַקסן. דאָס וועט פּאָרקומען צוליב דיזעלבע סיבעס, וואָס מיר האָבן שוין פריער פאַרצייכנט (וווּקס פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט).

א גאָר אָנגעזעען אָרט אין דער פּראָפעסיאָנעלער בילדונג צווישן די יידישע יוגנטלעכע פאַרנעמען די שולן פון דער פאַבריק־זאַוואָדישער יוגנט. דאָס זיינען פּראָפעסיאָנעלע שולן, אָרגאַניזירטע בא די פאַבריקן, זאַוואָדן, זיי שטעלן מיט זיך פאָר א טייל פון די אונטערנעמונגען און געהערן זיי איינגאַנצן. דאָרט לערנט מען אַלגעמיינע לימודים און די ספּעציאַליטעט פון דער געגעבענער אונטערנעמונג. אזעלכע פּראָפעסיאָנעלע שולן זיינען בא אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד פאַראַן אין די צענדליקער טויזנטער. דאָס איז א נייער טיפּ פּראָפעסיאָנעלע שול. א טיפּ שול, וואָס גרייט קוואַליפיצירטע פּראָלעטאַריער פאַר די פאַבריקן און זאַוואָדן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן גופא. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז אזעלכע שולן זיינען די בעסטע, מאַכמעס די לימודים זיינען פון אָנהויב אָן פאַרבונדן מיט דער אַרבעט באַם ווערקשטעל, מאַשין, מאָטאָר. די שילער קאָכן זיך די גאַנצע צייט אינעם לעבן פון דער אונטערנעמונג, אזוי אַרום שאַפן מיר פון אָנהויב אָן א געזונטע פּראָלעטאַרישע סוויווע פאַרן אונטערוואַקסנדיקן דאָר. די פאַבריק־זאַוואָדישע שול באַרעכטיקט זיך סיי דערפאַר, וואָס זי גיט א בעסטע קוואַליפיקאַציע דעם יוגנטלעכן, סיי דערפאַר, וואָס אַזאַ שול גיט גיכער פאַר אַנדערע שולן א פעסטע פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע. דיהאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע שול איז נאָענט צו דער אַרבעטער־בילדונג, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אינעם צווייטן קאַפּיטל. ניט אזוי גרינג האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אַזאַ שול. אונדזער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע איז לאַנגע יאָרן אויסגעקומען צו פירן א קאַמף פאַר אָט דער שול.

קיין סאַך באַזונדערע יידישע פאַבריק־זאַוואָדישע שולן האָבן מיר ניט. עס איז שווער און ניט שטענדיק נויטיק אָרגאַניזירן באַזונדערע יידישע שולן בא די אונטערנעמונגען. מיר האָבן אָבער זייער פיל יידישע גרופּעס בא די אַלגעמיינע פאַבריק־זאַוואָדישע שולן. אזעלכע גרופּעס האָבן מיר אין די פאַבזאַווּשולן בא די גרעסטע מעטאַלורגישע זאַוואָדן אין כאַרקאָוו, דנעפּראָפּעטראָווסק, קיעוו, אָדעס, דאָנבאַס און אף אוראַל, באַם מעטאַלורגישן גיגאַנט אין קערטש. אזעלכע גרופּעס וועלן זיך איצט שאַפן אין גרויסן גיגאַנט מאַגניטאָגאָרסק. נאָך א גרעסערע צאָל יידישע יוגנט האָבן מיר אין די אַלגעמיינע פאַבריק־זאַוואָדישע שולן. פאַרן 30־טן יאָר האָט דער צענטראַלער קאָמערד (קאָמיטעט אף איינאָרדענען יידן אין דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט באַם פּרעזידיום פונעם אַלפאַרבאַנדישן צא"ק) און די קאָמערדן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד פאַרטיילט העכער 10 טויזנט אָרדערס אין די פאַבריק־זאַוואָדישע שולן, דערין אויך אין די טראַנספּאָרטישע

שולן. אויסגענוצט די אָרדערס האָט מען פיל ווינציקער. אין דעם זיינען מיר אליין שולדיק. אונדזערע אָרגאניזאציעס האָבן שלעכט געארבעט. מיר האָבן ניט אָרגאניזירט אלע קוויטעס, וואָס מע האָט געקאָנט און באדארפט, קעדיי אויסצופילן אזא גרויסע ארבעט. אָבער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע לערנען און ארבעטן שוין אין די גרעסטע אונטערנעמונגען פון אונדזער פארבאנד, אין מאָסקווע, און לענינגראד, כארקאָוו און סווערדלאָווסק, קיעוו און דנעפּראָפּעטראָווסק און נאָך און נאָך. אפן 31-טן יאָר האָט דער צענטראלער קאָמערד אָנגעמערקט א פּלאן פון אריבערווארפן אין די פאבזאווּשולן פון פארבאנד 7 טויזנט יידישע יוגנטלעכע. כוץ דעם האָט אויך דער אוקראינישער קאָמערד א פּראָגראם פאר אריבערווארפן 2750 יידישע יוגנטלעכע אין די פאבזאווּשולן פון אוקראינע. עס איז אופגעהויבן געוואָרן א גרויסע געזעלשאפטלעכע קאמפּאניע פאר אויספילן אלע אָרדערס אינעם מארט-אופנעם. אין די פאבזאווּשולן פון דער רוסלענדישער אינדוסטריע דארף איינגעאָרדנט ווערן 1900 יידישע יוגנטלעכע, דאָס הייסט, אין מאָסקווע, ניזשני-נאָווגאָראָד, אוראל א. א. וו. אין די פאבזאווּשולן פון דער אוקראינישער אינדוסטריע — 2000 יידישע יוגנטלעכע. אין די טראנספּאָרטישע שולן פונעם גאנצן פארבאנד — 1350 יידישע יוגנטלעכע. אין דער קאמפּאניע נעמען אָנטייל די צענטראלע יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען „עמעס“, „שטערן“, „אָקטיאבער“. די פּארטיינען, דער קאָמיוג, קאָמערד און געזערדישע אָרגאניזאציעס. אויסער דער יידישער פּרעסע נעמט אָנטייל אויך די אלגעמיינע פּרעסע. אזוי, למשל, האָט די „ראבאָטשאיא גאזעטא“ אָנטייל גענומען אין שליסן אן אָפּמאך צווישן דעם מאגניטאָגאָרסקער זאוואָד און קאָמערד וועגן אופנעמען 600 יידישע יוגנטלעכע בעשאסן מארט-אופנעם. עס איז צו האָפן אז הייאָר וועט זיך איינגעבן אריבערווארפן פיל טויזנטער יידישע שטעטלדיקע יוגנט אין די שולן פון דער פאבריק-זאוואָדישער יוגנט, אין דער גרויסער אינדוסטריע און אין טראנספּאָרט.

דאָ איז די בילדונג אזוי פארבונדן מיט דער פראגע וועגן פּראָדוקטיוויזירן די יידישע יוגנט און דאָס פּראָדוקטיוויזירן די יידישע יוגנט איז אזוי פארבונדן מיט בילדונג, אז עס איז שווער אָפּצוטיילן איינס פונעם אנדערן. דאָס איז געוואָרן בא אונדז איין פראגע.

די פאבריק-זאוואָדישע שול וואקסט פיל שנעלער ווי אנדערע פּראָפעסיאָנעלע שולן. אינעם 1931 יאָר זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די פאבזאווּשולן העכער א מיליאָן שילער, דאָס איז א געוואלטיקע פארגרעסערונג אין פארגלייך מיטן 30-טן יאָר. די קומענדיקע יאָרן וועלן ווידער ברענגען א גרויסן וווּקס. פאר דעם זאָרגט זיך דער קאָמיוג.

* * *

אין 1924 יאָר, בעיים עס איז פאָרגעקומען דער 1-טער יידישער אלפארבאנדישער קולטור-צוזאמענפאָר האָט מען בלויז געקאָנט ריידן וועגן פּראָפעסיאָנעלע שולן פון דער קליינער, קוסטארישער אינדוסטריע. מיר האָבן דאן ניט געהאט קיין אינדוסטריעלע פּראָפשולן, קיין אינדוסטריעלע און לאנדווירטשאפטלעכע טעכניקומס, אָפּגערעדט שוין פון שולן פון פאבריק-זאוואָדישער יוגנט. און איצט אין 6—7 יאָר ארום אזא פארברייטערונג און פארגרעסערונג פון דער נעץ פּראָפעסיאָנעלע אנשטאלטן. אזוי פיל נייע, פּראָפעסיאָנעלע שולן, אזא גרויסע צאָל יידישע יוגנט אין

די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע שולן. דער בעסטער באַווייז, אַז דער רעקאָנסטרוק־טיווער פּעריאָד, דאָס הייסט, דער פּעריאָד, ווען מיר בויען דירעקט דעם סאָציאַ־ליזם און האָבן שוין ניט נאָר ווייט־ווייט אַריבערגעשטיגן דעם פּאַרמילכאָמע־דיקן צושטאַנד פון דער פֿאָלקווירטשאַפט נאָר האָבן אויך אָנגעהויבן זיך פּאַרמעסטן מיט די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס — אָט דער פּעריאָד גיט די גרעסטע מעגלעכקייטן דער יִדישער האָרעפּאָשנער יוגנט, דער יוגנט פון דער יִדישער אָרעמשאַפט צו פּראָדוקטיוויזירן און בילדן זיך, צו ווערן אַקטיווע בויער פונעם סאָציאַליזם אַף אַ זעקסטכיילעך פונעם ערדקיילעך.

קאַפּיטל פינף

העכערע בילדונג אין יִדיש. יִדישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן

סיי די העכערע בילדונג אין יִדיש, סיי די יִדישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן זיינען נייע, יונגע באַשעפענישן, געבוירן אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ביז דער רעוואָליוציע האָבן מיר געהאַט סעמינאַרן פאַר ראַבינערס, יעשיוועס, צאַרישע „געלערנטע" יִדן, אָבער קיין הויכשולן, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן האָבן מיר ניט געהאַט. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן מיר נאָך צום היינטיקן טאָג דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט בא אונדז אין די צאַרישע צייטן. יעשיוועס, ראַבי־נערס, „דאָקטוירים פון פילאָסאָפיע" יִדן קאַזיאָנע געלערנטע, אָבער קיין עמעסע הויכשולן, ווירקלעכע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן האָבן מיר דאָרט אויך ניט. ערגעץ ווו זיינען יאָ פאַראַן קלאָגעדיקע לערער־סעמינאַרן, לערנט מען דאָרט די באַרימטע „וויסנשאַפטן": טאַנאַך, העברעיִש, יִדישע היסטאָריע פון שלוימע הא־מעלעכס צייטן און אַזוי ווייט איז מען פון אונדזער היינטיקן טאָג, אַז מע קאָן מיט רעכט אָנרופן דיזאָזיקע סעמינאַרן — יעשיוועס און זייערע טאַלמידים — יעשיווע־באָכערים אָן פּייעס און קאַפּאָטעס. דער ווילנער יִדישער „וויסנשאַפטלעכער" אינסטיטוט און דער יערושאָלאימער טראָגן נאָר שילדן פון היינטצייטיקע וויסנ־שאַפטלעכע אַנשטאַלטן, ווען אין דער עמעסן וואָלט מען זיי באַדאַרפט אָנרופן אַנדערש. וואָרום מיט וואָס פאַרנעמט מען זיך דאָרטן? מע בלעטערט אַלטע פאַרשימלטע שיימעס, מע זיצט און מע קנייטשט די פליכן איבער פאַרצייטיקע לעגענדעס, מע איז פאַרנומען מיט זאַכן וואָס האָבן ניט דעם מינדסטן ווערט פאַר עמעסער וויסנשאַפט. דער יערושאָלאַימער יִדישער אינסטיטוט איז שוין לאַנג געוואָרן די העכסטע יִדישע יעשיווע. אַף דעם וועג האָט זיך אויך גע־לאָזן דער ווילנער יִדישער אינסטיטוט. דער רעבוינעשעלוילעם איז דאָרט אַן אָפטער און כאָשעווער גאַסט. מע דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז אָט די קלוי־מערשטע וויסנשאַפט איז טאַקע אינגאַנצן אָפגעריסן פון אונדזער היינטצייטיקן לעבן, און מע איז נאָר פאַרנומען מיט איבערזעצן טאַנאַך, מישנע, דעם טאַל־מוד און אַנדערע אַזעלכע „גרויסע, יִדישע, פילאָזאָפישע" ביכער, — ניין! גאַנץ אָפט און אַפילע זייער אָפט הויבט מען דאָרט אוף די קעפּ פון די פאַרשטויבטע שיימעס און מע שרייט וועגן דעם „יִדישן כורבן" אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן שוין געזען, וואָס פאַר אַ גרויסן אומשטיי עס לעבן איבער די יִדישע

ארבעטנדיקע מאסן אין ראַטנפאַרבאַנד, אַן עקאָנאָמישן און א קולטורעלן. וועגן דעמדאָזיקן אופשטייג וועלן מיר נאָך ווייטער ריידן, אָבער וואָס גייט אָן בורזשואזע „געלערנטע“ יידן אַן אופשטייג בא יידישע ארבעטנדיקע מאסן? זיי גיבן ארויס פאַר יידישן „כורבן“ דאָס, וואָס מיר קאָרטשעווען אויס אין דער יידישע סוויווע די באַלעבאָטישע און קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פונקט אזוי ווי עס ווערן אויסגעקאָרטשעוועט די באַלעבאָטישע און קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד. די „געלערנטע“ יידן פון סאָציאַל=פאַשיזם שרייבן גראָב=בייזיקע ביכער וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס דער קאַפּיטאַליזם טראָגט די יידישע מאסן, און דער גליק באַשטייט אין דעם, וואָס „מיר האָבן אסאך גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן“. וואָס גייט אָן די לעשטשינסקיס, וואָס צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער גייען ארום אָן ארבעט, באַגלייך מיט די מיליאָנען אַרבעטלאָזע באַ אַנדערע פעלקער. זיי אלעמען פאַרייניקט דאָך איין ציל: פאַרלענגערן דעם קאַפּיטאַליזם די יאָרן, אַט אזא איז די יידישע „וויסנשאַפט“ אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

נאָר קליינינקע, ליכטיקע פינטעלעך זעען זיך אָן אין דעם וויסטן, פינצטערן העק, וואָס הייסט יידישע „וויסנשאַפט“ אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס זיינען די רעוואָליוציאָנערע קינדער=שולן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אַרגענטינע, ווי אויך אין פראַנקרייך און בעלגיע. די רעוואָליוציאָנערע קולטור=געזעלשאַפטן און קורסן, וואָס גרייטן טוער פאַר די רעוואָליוציאָנערע שולן. זיי זיינען לעבעדיקע היינטצייטיקע שולן און אָרגאַניזאַציעס טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיטן קאַמף, וואָס די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטערשאַפט פירט אונטער דער אָנפירונג פון די סעקציעס באַם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פאַר א פּראָלעטארישע רעוואָליוציע. דאָרט לערנט מען ניט די אלטע יידישע היסטאָריע פון מוישע ראַבוינעס צייטן, נאָר מע לערנט, ווי אַזוי עס לעבט און קעמפט דער ארבעטער=קלאַס אין דער גאַנצער וועלט, ווי אזוי דער סאָוועטישער פּראָלעטאַריאַט בויט זיין סאָציאַליסטיש לאַנד. און טאַקע דערפאַר זיינען די רעוואָליוציאָנערע שולן ארומגערינגלט מיט אזא ליבע און וואַרעמקייט פון די אַרבעטער=מאַסן. עמעס, מיט אסאך רעוואָליוציאָנערע שולן און סעמינאַרן, אַרבעטער=אוניווערסיטעטן קאָנען מיר זיך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ניט באַרימען. דער אַרבעטער=קלאַס איז פאַרנומען מיט פירן א פאַרביטערטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, ער האָט ניט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט קולטור=בויונג. די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס דערשטיקן יעדע רעוואָליוציאָנערע קולטור=אַרבעט.

אין די פאַריקע קאַפּיטלעך האָבן מיר געזען, ווי שטורמיש עס איז זיך צעוואַקסן אין ראַטנפאַרבאַנד די צאָל יידישע שולן, די צאָל יידישע פּראָפשולן, טעכניקומס און פאַרשיידענע מינים. און אז ס'זיינען אופגעקומען אזוי פיל יידישע שולן, פּראָפשולן און טעכניקומס, דאַרף מען שוין האָבן העכערע שולן, מע דאַרף האָבן העכערע שטאַפּן, וואָס זאָלן זיך אופהויבן אף אזא פעסטן פונדאַמענט. איז פאַר די לעצטע יאָרן באַ אונדז אופגעקומען א גרויסע צאָל יידישע הויכשולן.

מיר האָבן דריי יידישע אָפּטיילונגען באַ הויכשולן אין אָדעס, צוויי יידישע אָפּטיילונגען אין קיעוו, צוויי יידישע אָפּטיילונגען באַם מינסקער מעלוכע=אוניווערסיטעט, צו איין יידישע אָפּטיילונג אין מאָסקווע,

כאַרקאָוו, זשיטאָמיר, וויטעבסק. די אַלע ייִדישע אָפּטיילונגען באַ די הויכשולן לאָזן אַרויס לערער פֿון מאַטעמאַטיק, פֿיזיק, נאַטורוויסנשאַפֿט, געזעלשאַפֿטלעכע וויסנשאַפֿטן, ייִדישע ליטעראַטור און שפּראַך. מיר טרעטן איצט צו צו אָרגאַניזירן ייִדישע אָפּטיילונגען באַ הויכשולן, וואָס זאָלן גרייטן פּעדאַגאָגן-אינזשעניערן, דאָס הייסט, פּעדאַגאָגן פֿאַר די אינדוסטריעלע פּראָפֿשולן און טעכניקומס. אויסער דעם האָבן מיר אין ייִדישן דאָרף ניי-פּאָלטאַווקע (כערסאָנער קאַנט) א ייִדישן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס גרייט אַגראָנאָמען. מיר האָבן א ייִדישע קאַטעדרע באַ דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אקאַדעמיע אין האָרקי (ווייסרוסלאַנד). צום הײַנטיקן טאָג האָבן מיר שוין א גרויסע מאַסע ייִדישע לערער, וואָס האָבן געענדיקט אונדזערע אייגענע סאָוועטישע אינסטיטוטן און אוניווערסיטעטן. מיט אָט די יונגע לערער, וואָס זײַנען געקומען אין די אינסטיטוטן פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן וועלן מיר אויפֿבויען די נײַע, סאָציאַליסטישע שול. און יעדן שטעטעלע, אין יעדן יִשעוו, אין יעדן דאָרף קאָן מען טרעפֿן אָט די יונגע סאָוועטישע לערער. אונדזערע סאָנים רופֿן זיי אָן „שנעקעס“, אָבער אָט די „שנעקעס“ באַווייזן אַזעלכע וווּנדער, וועגן וועלכע עס האָבן ניט געקאָנט כאָלעמען די אַמאָליקע אוטשיטעלעס. די דאָזיקע יונגע „שנעקעס“ אַרבעטן מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט און זײַנען געוואַלטיק באַליבט באַ דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג. פֿאַר זייער איבערגעגעבנקייט, פֿאַר זייער טרייער אַרבעט האָבן זיי באַקומען דעם נאָמען אַרמייער פֿונעם דריטן פֿראָנט, און דער דריטער פֿראָנט הייסט באַ אונדז קולטור-פֿראָנט.

כוץ די אָנגעוויזענע ייִדישע הויכשולן האָבן מיר נאָך דרײַ ייִדישע אָפּטיילונגען באַ קאָמוניסטישע אוניווערסיטעטן אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק. די דאָזיקע ייִדישע אָפּטיילונגען גרייטן פּאַרטיי-טוער צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג. צו די ייִדישע הויכשולן קומען נאָך צו ייִדישע פּעדאַגאָגישע טעכניקומס, וועלכע גרייטן לערער פֿאַר די ייִדישע שולן. אַזעלכע פּעדאַגאָגישע טעכניקומס האָבן מיר אין אָדעס, זשיטאָמיר, ווינניצע, מינסק, וויטעבסק, סמאָלענסק. יעדן יאָר גיסן זיך אַרײַן אין די לערערישע רייען נײַע אָטריאַדן יונגע סאָוועטישע ייִדישע לערער. באַ אונדז איז דאָס אַ געוויינלעכע זאַך. און דאָרט, אין אויסלאַנד מאַכט מען א טאַראַראַם און פּאַראַד פֿון 7 ייִדישע סטודענטן, וואָס האָבן געענדיקט א ריגער לערער-סעמינאַר. סאַרא געוואַלטיקער אונטערשייד אין מאַסשטאַבן פֿון אַרבעט! וואָס וואָלט געזאָגט אונדזערער אַן אַרבעטער-שלאָגלער אַף אַזעלכע טעמפּן פֿון גרייטן לערער (7 לערער), אַף אַזעלכע קעלבערנע היספּײַלעס!

אויסער די ספּעציעלע ייִדישע הויכשולן לערנען זיך צענדליקער טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע אין די אַלגעמיינע הויכשולן. אין 1927/28 יאָר האָבן מיר געהאַט 21 טויזנט ייִדישע סטודענטן אין די אַלגעמיינע הויכשולן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. מיר האָבן ניט אונטער דער האַנט קיין ציפֿערן פֿון דעם, וויפֿל ייִדן-סטודענטן זײַנען דאָ צום הײַנטיקן טאָג, מיר האָבן אָבער אַלע רעכט צו מיינען, אַז די צאָל האָט זיך באַדײַטנדיק פֿאַרגרעסערט, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיך פֿאַרגרעסערט אין די פּראָפֿשולן און טעכניקומס. קימאַט אַלע ייִדישע הויכשולן האָבן באַ זיך אַרבעטער-פֿאַקולטעטן, וועלכע גרייטן אַרבעטער און פּויערים אין די הויכשולן. מיר האָבן אויך ייִדישע אַרבפֿאַקן, וועלכע גרייטן אין אַלגעמיינע הויכשולן. אין קיעוו האָבן מיר א ייִדישן אַרבפֿאַק, וואָס גרייט ייִדישע אַר=

בעטער אין אַ עלעקטראָטעכנישן אינסטיטוט. אַזעלכע אַרבעטער־פאַקולטעטן באַטאָגיקע און אָוונטיקע האָבן מיר אַ גאַנץ היפּשע צאָל. זיי וואַקסן פון יאָר צו יאָר. אין ווייסרוסלאַנד, לעמאָשל, זיינען פאַרן לעצטן יאָר צוגעקומען דריי יידישע באַטאָגיקע אַרבפאַקן און 6 אָוונטיקע.

אַזאַ פאַרצווייגטע יידישע קולטור־אַרבעט, אַזוי פיל יידישע הויכשולן פאָדערן שוין אַז מע זאָל אויפבויען נאָך העכערע שטאַפּן, מע זאָל אויפבויען יידישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן. העכער 5 טויזנט לערער באַדינען די יידישע שולן. דאַרף מען דאָך האָבן מענטשן, וועלכע זאָלן גרייטן די לערער. מיר דאַרפן אויסכאָוועון לעקטאָרן, פּראָפעסאָרן. אַלטע האָבן מיר דאָך אַזוי ווייניק און ניט אויף אַלע קאָנען מיר זיך פאַרלאָזן, אַזוי פיל פאַרביסענע סאָנים זיינען דאָ צווישן זיי, וואָס קאָנען ניט און ווילן ניט צערייסן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט. זיי פאַרמאַסקירן זיך פאַר קלוימערשט אונדזערע פריינט און בישטיקע פירן זיי אַ מיעסע אַרבעט קעגן אונדז. אונדז זיינען נויטיק אייגענע פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפטלער, דאַרף מען צוליב דעם האָבן וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן.

און נאָך: אַזויפיל ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אינעם לעבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אינעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר, דאַרף מען עס שטודירן, אונטערפירן אַ סאַכאַקל, קעדיי וויסן וואָס ווייטער טאָן. און מיר ווילן און דאַרפן אויך וויסן, וואָס פאַר אַ פּראָצעסן עס קומען פאָר אינעם לעבן פון די יידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — דאַרף מען עס אויך ערנסט שטודירן — וועלן עס טאָן אונדזערע אייגענע געלערנטע, אונדזערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן. בורזשואַזע פּראָפעסאָרן, בורזשואַזע געלערנטע האָבן אויסגעטראַכט לעגענדעס וועגן דעם, אַז דאָס יידיש פאָלק איז עפּעס אַ באַזונדער פאָלק אין דער וועלט, מיט באַזונדערע צילן און שטרעבונגען. די קליינבירגערלעכע יידישע געלערנטע און פּראָפעסאָרן האָבן אויסגעטראַכט מייסעס וועגן באַזונדערע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע. דאַרפן אונדזערע געלערנטע צעקלאַפּן דיזאָזיקע אַלע לעגענדעס און אויסטראַכטענישן. זיי דאַרפן „באַוואָפנען אונדזערע פּראַקטיקער אין זייער קאַמף פאַר דעם זיג פון קאָמוניזם“ (סטאַלין).

אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן מיר איצט אַ יידישע אָפּטיילונג באַ דער ווייסרוסישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן (מינסק), אַ יידישע אָפּטיילונג באַ דער אוקראַינישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן — דער קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. אין אָדעס האָבן מיר אַן אָפּטיילונג פונעם קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. באַ דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע אין מאָסקווע אָרגאַניזירט זיך אַ יידישע קאָמיסיע. ס'איז פאַראַן אַזאַ קאָמיסיע באַ דער אָפּטיילונג פון דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע אין לענינגראַד. מיר האָבן שוין צענדליקער נייע יידישע טוער אין די אינסטיטוטן, אויסגעוואַקסן פון דער אייגענער סאָוועטישער יוגנט. אין די אַקאַדעמיעס און אינסטיטוטן קומט אַריין דער יידישער אַרבעטער. באַ די יידישע הויכשולן ווערן איבערגעלאָזן סטודענטן אויף וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אין פיל אַלגעמיינע וויסנשאַפט־אינסטיטוציעס ווערן געגרייט וויסנשאַפטלעכע טוער פאַר דער יידישער סוויווע אויף ליטעראַטור, סאָציאַל־עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, פּעדאַגאָגיק א. א. וו. פיל אַלטע בורזשואַזע פּראָפעסאָרן האָבן יאָרן לאַנג פאַרטיידיקט טעאָריעס, אַז דער פּראָלעטאַרישער סטו־

דענט האָט בעיערושע איבערגענומען א טעמפּן מויעד, אומפּעיקייט צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. מע האָט עס אפילע געפּרוווט דערווייזן מיט דער כאָכמע פון נאַטור=געזעצן. ווייזט זיך אַרויס, די פּראַקטיק און ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַר אַלעמען בוילעט דערוויזן אַז דאָס זיינען געוויינלעכע בורזשואַזע באָבע=מייסעס און ניט מער. דער פּראָלעטאַריער באַהערשט די העכסטע שטאָקן פון דער וויסנשאַפט און מיט אים, דעם פּראָלעטאַריער, הויבן אָן לעבן די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן א פולבלוטיק לעבן.

אונדזערע וויסנשאַפטלעכע טוער נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן פּאָליטישן לעבן. זיי זיינען פאַרבונדן מיט די פאַבריקן און זאַוואָדן, מיט פאַרשיידענע פּאָליט=אויפקלערישע אנשטאַלטן. פאָרן אַף פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס אין דאָרף. סטאַרען זיך פאַרבינדן אַפן ענגסטן אויפן די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק. קעדיי צו דערלערנען די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר צווישן די ייִדישע מאסן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערן אָרגאַניזירט ספּעציעלע עקספּעדיציעס אין די שטעט און שטעטלעך. אויך אין דעם זין שטעלט אונדזער וויסנשאַפט=טוער מיט זיך פאַר א נייעם טיפּ געלערנטן.

קאַפּיטל זעקס

פּאָליטיש-אויפקלערישע אַרבעט אין ייִדיש

כוץ די שולן, טעכניקומס, אַרבפאַקן, אינסטיטוטן, אַקאַדעמיעס ווערט געפירט צווישן די ייִדישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס א גרויסע פּאָליטיש=אויפקלערישע אַרבעט. עס אַרבעטן 230 ייִדישע אַרבעטער=קלובן, אין שטעטלעך און דערפער האָבן מיר העכער 200 ייִדישע דאָרפס=הייזער און פאָלק=הייזער. מיר פאַרמאָגן 360 ייִדישע ביבליאָטעקן, הונדערטער ליקפּונקטן און שולן אַף ליקווידירן די אַמעראַצעס באַ דער דערוואַקסענער ייִדישער באַפעלקערונג. צענדליקער קורסן און שולן פאַר אַלגעמיינער בילדונג צווישן די דערוואַקסענע. הונדערטער קרייזלעך פּאַרטייִשע און קאָמיוגישע באַדינען די ייִדישע אַרבעטער און אַרבעטער=יוגנט. מיר האָבן 5 ייִדישע נאָרמאַלע צוויי=יאָריקע פּאַרטיי=שולן אין קיִעוו, אָדעס, האָמעל, וויטעבסק, קלינצי (מיירעוו=געגנט). מיר פאַרמאָגן 5 ייִדישע מעלוכישע טעאַטערס: דער מאָסקווער, כאַרקאָווער, מינסקער, קיעווער און אָדעסער. מיר האָבן עטלעכע טעאַטערס פון אַרבעטער=יוגנט („טראַם“) אין קיעוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, מאָסקווע. עס זיינען דאָ צוויי ייִדישע מוזייען אין אָדעס און אין מינסק. כוץ די ייִדישע קלובן, לייען=הייזער, פאָלק=הייזער ווערט געפירט אַן אַרבעט אין ייִדיש אין די אַלגעמיינע קלובן און לייען=הייזער.

אָט אַזאַ אַפּאַראַט פאַרמאָגן מיר אַף פירן א פּאָליטישע אויפקלער=אַרבעט צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. א גאַנץ גרויסער אַפּאַראַט. אָבער ס'איז נאָך אַלץ קאַרג. מיר האָבן צו באַדינען א גרויסע, אויסגעוואַקסענע ייִדישע אַרבעטערשאַפט, א גרויסן אויסגעוואַקסענעם ייִדישן פויערטום, א היפּשע ייִדישע סאָוועטישע אינטעליגענץ, לערן=יוגנט, סאָוועטישע אָנגעשטעלטע. די פּאַרטיי און דער קאָמיוג דאַרפן באַדינען אין ייִדיש גרויסע גרופּעס קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן. בלויז קאָמיוגיסטן ייִדן האָבן מיר אין ראַטנ=

פאַרבאַנד 110 טויזנט מענטשן. אוואדע מער פון אלע קליינבירגערלעכע ייִדישע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צוזאַמען גענומען. מיר קאָנען אָפּט ניט עפענען קיין נייע לייען=הייזער, דאָרף=הייזער, פּאַרטיי=שולן איבער דעם, וואָס אונדז פעלן אויס מענטשן. מיר פאַרמאָגן 5 ייִדישע אָפּטיילונגען בא טעכניקומס, וואָס גרייטן פּאָליטישע אויפקלער=טוער (אין אָדעס, מאָלעוו — ווייסרוסלאַנד, — מינסק, דנעפּראָפּעטראָווסק, סמאָלענסק), מיר האָבן 5 ייִדישע פּאַרטיי=שולן, אָבער ס'איז אלץ קנאַפּ. אַזוי גרויס זיינען די באַדערפענישן, אַזוי צעוואקסן איז זיך אונדזער ארבעט. און דערזעלבער געשריי, וואָס טראָגט זיך אין אונדזער גאַנצן לאַנד — ניט מענטשן, ניט אַרבעט=הענט אונדזערע פאַבריקן און זאַוואָדן, הייסט אויך — ניט מענטשן, ניט פּאָליטישע אָרגאַניזאַטערס און טוער.

אונדזער גאַנצע פּאָליטיש=אויפקלערישע ארבעט האָט א ציל צו מאָביליזירן די מאסן פאר דער סאָציאַליסטישער בויונג. אין די קלובן, פּאָלק=הייזער, קרייזן, פּאָליט=שולן פּראָפּאַגאַנדירן מיר צווישן די ברייטסטע ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן די באָלשעוויסטישע אידייען, מיר באַקענען מיט מאַרקס, מיט לענינס ווערק ניט נאָר דעם ייִדישן אַרבעטער, נאָר אויך דעם ייִדישן פּויער און קוסטאַר. יאָ, דער ייִדישער פּויער און קוסטאַר באַקענען זיך אויך מיטן לעבן און שאַפן פון די גרויסע אַרבעטער=פירער. ער הערט מיט אינטערעס וועגן זייער פאָרטראַגן און לעקציעס. ער בלעטערט גאַנץ אָפט אַליין לענינס און סטאַלינס ביכער. אין די קלובן, פּאָלק=הייזער, טעאַטערס ווערט געפירט א ברייטע אַגיטאַציע פאר אַריבערגיין אין דער פאַבריק און אף ערד=אַרבעט. מיר רופן די ייִדישע קוסטאַרן, די ייִדישע אָרעמשאַפט פאַרלאָזן די קליינינקע שטעטעלעך מיט די איינגעהויקערטע הייזלעך און בלאָטעס און אַריבערגיין אין א גרויסער אונטערנעמונג, אין דער מעלוכישער פאַבריק, אויסנוצן דאָרט די קוואַליפיקאַציע אָדער אפילע זיך איבערקוואַליפיצירן, אריבערגיין אף ערד=אַרבעט און אָרגאַניזירן דאָרט קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, אָדער אָנקומען אין די ראַטווירטן. מיר שרעקן זיך ניט פאר דעם, וואָס אייניקע קליינינקע שטעטעלעך וועלן עפשער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן ווערן, זאָלן זיי פאַרשווינדן, אויב נאָר זייער אָרט פאַרנעמט די שטאָטישע פאַבריק אָדער דער קאָלווירט אין דאָרף. א סאָף מיטן ראַכיטישן שטעטלדיקן לעבן.

אונדזער פּאָליטיש=אויפקלערישער ארבעט דאַרף מאַכן פון יעדן אַרבעטער, פון יעדן קאָלווירטניק א שלאָגלער, מיר דאַרפן האָבן א נייע באַציִונג צו אַרבעט. און די אַרבעט=פּראָדוקטיווקייט זאָל שטייגן, אז ס'זאָל זיך הויבן די קוואַליטעט פון דער אַרבעט, — דאַרף דייגענען יעדער אַרבעטער. אין דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג איז דער אַרבעטער אָפּגעפרעמדט פון דער פּראָדוקציע. זי איז ניט זיינע. מע בינדט אים אָן אן אַרבעט=דיסציפּלין, מע דריקט אף אים, ער זאָל אַרבעטן געשווינדער און בעסער. בא אונדז איז די לאַגע א גאַנץ אַנדערע. בא דעם פּראָלעטאַרישן ייִדישן שרייבער אַלבערטאָן זאָגט אן אַרבעטער: איצט אז די מאַשין דייגעט זיך וועגן אונדז, דאַרפן מיר זיך דייגען וועגן דער מאַשין. די באַציִונג צו אַרבעט, ווי צו א קאַזיאָנער און פרעמדער דאַרף בא אונדז שטאַרק באַקעמפט ווערן. און דאַרף די פּאָליטישע אויפקלער=אַרבעט זיך נאָך מער אָנשטרענגען קעדיי צו מאַכן פון דעם נעכטיקן ייִדישן קוסטאַר, באַלמעלאָכע, וואָס האָט זיך פּראָלעטאַריזירט א באַוווּסטזיניקן אַרבעטער, א שלאָגלער.

די פּאָליטישע אופקלער=אַרבעט דאַרף אויסקאָרטשעווען די לעצטע רעשטן רעליגיע, וואָס איז נאָך פאַרבליבן טיילווייז באַם אָפּגעשטאַנענעם ייִדישן אַרבעטער און מער באַם האָרעפּאַשניק, און איבערהויפּט באַ דער ייִדישער פרוי. עס לעבט נאָך און דערזשיפּעט זײַנע לעצטע יאָרן דער רעליגיעזער אַגיטפּראָפּ, דער ראָוו, שויכעט, מעלאַמעד, אָבער גראַדע דאָס מאַכט דעם רעליגיעזן אַגיטפּראָפּ פאַרביסענער און פײַנטלעכער צו דער ראַטנמאַכט. אין פיל ערטער גייט ער אַריבער אין אָנגריף קעגן אונדז, אַגיטירט קעגן קאָלווירט, קעגן די מיטלען פון דער ראַטנמאַכט צו פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאַסן, אַגיטירט קעגן אונדזער קולטור. די רעליגיע איז געוואָרן אַן אָפענע אַגענטור פונעם ייִדישן באַלעגוף און נעפּמאַן. מיט דער הילף פון רעליגיע מאַכן די קאָנטער=רעוואָליוציאָנערע ייִדישע עלעמענטן די לעצטע פאַרצווייפלטע אָנגריפן קעגן אונדז. די פרוי פונעם ייִדישן האָרעפּאַשניק, די פרוי אין דער ייִדישער אָרעמשאַפט גייט ניט אַף דער פאַבריק, גייט ניט ליקווידירן די אַמעראַצעס צוליב דעם, וואָס זי איז נאָך אונטער דער ווירקונג פון רעליגיעזן אַגיטפּראָפּ. זי איז נאָך געפּענטעט מיט ליכט=בענטשן, מיט מיקוועס און מיט אַלע אַנדערע מיצוועס און רעליגיעזע געוווינשאַפטן. עס איז פאַראַן אַ טראַדיציע פון יאָרן, אַז די ייִדישע פרוי דאַרף ניט אַרבעטן. אָט פאַר דער פרוי פון ייִדישן האָרעפּאַשניק און אָרעמשאַפט דאַרף אונדזער פּאָליטיש=אופקלערישע אַרבעט באַזונדערס פאַראַקשנט קעמפן מיט דער רעליגיע.

דער קאַמף מיט די רעליגיעזע איבערבלײַבעכצן פלעכט זיך אויך צונויף מיטן קאַמף פאַר אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פאַרשיידענע פעלקער. דאָרט, ווו דער אַרבעטער=האָרעפּאַשניק איז נאָך אָנגעשטעקט מיטן רעליגיעזן כלאַס, וועלן מיר ניט האָבן קיין אינטערנאַציאָנאַלע ברידערשאַפט. פיל ייִדישע קאָלווירטן פאַראייניקן זיך מיט רוסישע, אוקראַינישע, ווײַסרוסישע קאָלווירטן און שאַפן גרעסערע ווירטשאַפטן, קויפן איין מאַשינעס און שטעלן אַוועק די ווירטשאַפט פיל בעסער. אָבער אין דעם שטערן זיי אָפט רעליגיעזע איבערבלײַבענישן. די רעליגיעז=געשטימטע ייִדישע פויערים זײַנען די ערשטע, וואָס ווערן זיך קעגן אַזעלכע פאַראייניקונגען, רײַסן זיי אַרונטער. דער רעליגיעז געשטימטער ייִדישער אַרבעטער שטייט אָן אַ זייט פונעם גאַנצן פאַבריק=לעבן, נעמט ניט קיין אָנטייל אין קיין שום געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַבריק. דער גרויסער שאָדן, וואָס די רעליגיע טוט אונדז דאָ אָפּ איז אַזוי אַרום גענוג קלאָר.

אונדזער פּאָליטיש=אופקלערישע אַרבעט באַקענט דעם ייִדישן האָרעפּאַשניק פון די פאַרוואָרפנסטע עקן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פונעם אַרבעטער=קלאַס. פאָרסט אַרײַן אין קלענסטן שטעטעלע, אין פאַרוואָרפנסטן ייִשעוו און קאָנסט דאָרט הערן ווי אַזוי האָרעפּאַשניקעס ריידן וועגן דעם, אַז דער רוימישער פויפּסט וויל שטעלן אַ צײַלעם אַפן ראַטנפאַרבאַנד. אויך פּואַנקאַרעס נאָמען מיט אַלע זײַנע מעשאָרסים, מיטן טאָרגפּראָם און מיט די ראַמזינס, מיט די מענשעוויקעס, — ווערן דאָרט גאַנץ אָפט דערמאָנט, און דערמאָנט, פאַרשטייט זיך, ניט צום גוטן. אויסער צײַטונגען און לעקציעס זײַנען די קלײנינקע שטעטעלעך, די ייִשוווים פאַרבונדן מיט דער וועלט דורך די ראַדיאָ=טרײַבלעך. ראַדיאָ איז שוין איצט באַוווסט אין אַלע ווינקלעך פון אונדזער ראַטנפאַרבאַנד. די אָפטסטע ראַדיאָ=מעכאַניקער זײַנען באַ אונדז פּיאָנערן. זיי דראַפּען זיך אומעטום אַף די דעכער

און שטעלן איין ראַדיאָ. כאָטש אין ערגעץ איז ניט פאַרשריבן, נאָר מע קאָן זאָגן, אַז די פּיאָנערן האָבן בײַ אונדז גענומען שעפטשום אַף ראַדיאָ. פּונקט אַזוי ווי דער קאָמיוג האָט גענומען שעפטשום אַף אַלגעמיינער בילדונג, און גוטע שעפן זײַנען די פּיאָנערן, ניט קיין שלעכטע „פּאָליטפּראָסוועטשיקעס" (פּאָליטישע אופקלער-טוער). א היפּש אָרט אין אונדזער פּאָליטישער אופקלער-אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע פאַרנעמט אויך די מיליטערישע פּראָפּאַגאַנדע. דאָ האָבן מיר אויסצוראָטן בײַ דער אָפּגעשטאַנענער אַרבעטנדיקער יוגנט, מערסטנטיילס בײַ דער שטעטלדיקער יוגנט, די טראַדיציע פון אויסצודרייען זיך פון „סלוזשבע". די טראַדיציע איז שוין צעקלאַפּט, איצט פאַרשווינדט אפילע דאָס וואָרט „סלוזשבע", עס הייסט שוין גיין אין דער רויטער אַרמיי, און זיין רויט-אַרמייער איז שוין א קאָוועד, אָבער ווו ניט ווו באַגעגענען מיר זיך נאָך מיט די אַלטע „יידישע" גענג. אין אונדזער סאָוועטישן לעבן דאַרפן דידאָזיקע שענדלעכע פאַלן אינגאַנצן אויסגעמעקט ווערן, מע דאַרף כוץ דעם מאַכן מיליטעריש-גראַמאָטנע די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג, ווייל די מילכאָמע-סאַקאָנע איז איצט גוואַלדיק גרויס. די קומענדיקע מילכאָמע וועט אָנרירן די גאַנצע באַפעלקערונג. די גרעסטע אופגאַבע, וואָס שטייט איצט פאַר אונדזער פּאָליטיש-אופקלערערישער אַרבעט איז — זיך איינשליסן אין אַרבעטער-מאַרש פאַר באַהערשן די טעכניק. מע דאַרף געדענקען, אַז דער יידישער אַרבעטער איז נאָך א יונגער אין די גרויסע זאַוואָדן און אין דער שווערער אינדוסטריע. ער דאַרף פיל אַרבעטן אַף זיך קעדיי באַהערשן די טעכניק, מע דאַרף אַגיטירן די יידישע קוסטאַרן זיי זאָלן בעסער אָרגאַניזירן זייער קוסטאַרישע פּראָדוקציע, זיי זאָלן זי מעכאַניזירן, זיי זאָלן זיך איבערקוואַליפיצירן אַף בעסערע מעלאָכעס. מע דאַרף באַזאָרגן די יידישע איבערוואַנדערער אַזוי, אַז זיי זאָלן גלייך אָנהויבן באַאַרבעטן די ערד מיט טראַקטערס און זיי זאָלן נאָר ניט אָנקומען צום פּויערשן אַקער. וויפל שטעטלדיקע יידן קומען אפּן פעלד און שרייען, אַז דער טראַקטער איז א „טיאָמנע זאַך", מע קאָן ניט פאַרשטיין זיינע מעשוגאַעסן, בעסער איז שוין א פערד, א פּאַשעטער פערד מיט א פּאָשעטן פּויערשן אַקער. מאַכן טעכניש—גראַמאָטנע אָט דידאָזיקע גרויסע מאַסע יידישע אַרבעטנדיקע איז גאָר א גרויסע סאָציאַליסטישע אופגאַבע.

איבערן גאַנצן לאַנד אָרגאַניזירן מיר איצט קאַמפּאַניעס אַף דורכקוקן אונדזער גאַנצע פּאָליטישע אופקלער-אַרבעט, מיר וועלן א טרייסל טאָן אונדזערע אַלע אָרגאַניזאַציעס און זען, וויאַזוי זיי פילן אויס אָט די אַלע אופגאַבן, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרצייכנט. פיל קלובן, לייען-הייזער, פּאָלק-הייזער א. א. וו. פילן עס אַוואַדע ניט אויס, פיל קלובן, לייען-הייזער פּאָלק-הייזער קאָנען אַוואַדע דינען אַלס מוסטערן פון א גוט אַוועקגעשטעלטער אַרבעט. וועט דער דורכקוק אונטערציען די אָפּשטייענדיקע, און נאָך מער אופמונטערן די פּאָרגעשריטענע.

צום שלום — א פּאָר ווערטער וועגן דעם יידישן טעאַטער. דער מאָסקווער מעלוכיישער יידישער טעאַטער האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן שאַרף א קער געטאָן צו באַדינען די סאָציאַליסטישע בויונג צווישן די יידישע-אַרבעטנדיקע. גאָלדפאַדן, מענדעלע, שאָלעם אַלייכעם זײַנען שוין איצט ניט די איינציקע באַלעבאַטים אַף דער סצענע פונעם יידישן טעאַטער. זיי האָבן שוין אָפּגע-

טראָטן א גאַנץ היפּשן פּלאַץ פאַר אַנדערע, אונדז נעענטערע, נויטיקערע — פאַר קושניראָוו, מאַרקישן, אָרלאַנדן, וועוויאָרקען, גאָדינערן. אף דער סצענע פונעם ייִדישן טעאַטער אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק, שטעלט מען איצט ספּעקטאַקלען וועגן דער ייִדישער ערד־איינאָרדענונג („גיט געדייגעט“, פּערעץ מאַרקיש), וועגן דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון די ייִדישע מאַסן („הרעבלעס“ אָרלאַנד), וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער („באַטווין“, וועוויאָרקע, „דזשים קופּערקאָפּ, גאָדינער), וועגן דער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט („הירש לעקערט“, קושניראָוו). צום 14־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע שטעלט דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער א ספּעקטאַקל וועגן דעם ווילנער באָלשעוויסטישן ראַט לויט דאַניעל מייעראָוויטשעס ראָמאַן „יולים שימעלעוויטש“. דאָס זיינען אַלץ ספּעקטאַקלען נייע, סאָוועטישע, דער ייִדישער מעלוכישער טעאַטער פון ראַטנפאַרבאַנד מאַכט מיט דיזאָזיקע ספּעקטאַקלען די ערשטע דרייסטע טריט צו שאַפן א ווירקלעכן, רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטישן רעפּערטואַר. אונדזער טעאַטער איז ניט קיין אונטערהאַלטונג־טעאַטער, א טעאַטער, וווּ עס קומען זאַטע באַלעבעסלעך מיט דאַמען, קעדיי צו „פאַרברענגען“, נאָר אַזאַ וואָס וועקט דעם באַוווּסטזיין צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, „צינדט אָן די הערצער“ פון די אַרבעטער אף אויסצופילן דעם פינפיאָריקן פּלאַן.

אף דער סצענע פונעם ייִדישן טעאַטער ווערן אויפגעפירט ספּעקטאַקלען פון ניט ייִדישע שרייבער. עס איז קעדיי צו פאַרצייכענען אַזאַ רעוואָלוציאָנערע שטעלונג ווי „שעפּסן־קוואַל“ פונעם שפּאַנישן שרייבער לאָפּע די וועגאַ, „שאָם“ פונעם רוסישן פּראָלעט. דיכטער בעזימענסקי. א. א. וו. א. ד. גל.

קאַפּיטל זיבן

אונדזער פאַרלאַג־אַרבעט. ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור

I.

די גרויסע מאַסע ייִדישע שילער, סטודענטן, פּאָליטישע טוער, וויסנשאַפטלעכע טוער, דער נייער ייִדישער מאַסן־לעזער: דער אינדוסטריעלער אַרבעטער, דער קאָלווירטניק, דער איינצל־פּויער, דער קוסטאַר, זיי אַלע פאָדערן א ייִדישן בוך. איז פאַר די לעצטע יאָרן קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן אונדזער ביכער־פּראָדוקציע. עס ווילט זיך דאָ פאַרצייכענען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע ציפערן.

אין 23־טן יאָר האָבן מיר אַרויסגעלאָזן אין ראַטנפאַרבאַנד 48 פאַרשיידענע ביכער מיט א טיראַזש פון 155 טויזנט עקזעמפּליאַרן. אין 29־טן יאָר האָבן מיר שוין אַרויסגעלאָזן 384 פאַרשיידענע ביכער מיט א טיראַזש פון איין מיליאָן מיט 469 טויזנט עקז., דאָס הייסט, די צאָל עקזעמפּליאַרן האָט זיך פאַרגרעסערט קימאַט אין 10 מאָל. אין 30־טן יאָר האָבן גאָר די מאָסקווער און די מינסקער ייִדישע אָפּטיילונגען פון צענטרפאַרלאַג אַרויסגעלאָזן 274 פאַרשיידענע ביכער מיט אַ טיראַזש פון איין מיליאָן מיט 284 טויזנט עקז., דאָס הייסט קימאַט אַזויפיל וויפיל אין 29־טן יאָר איז אַרויסגעגאַנגען אינעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד. מיט אוקראַינע וועט זיך די צאָל פאַרדאָפּלען. אפן 31־טן יאָר איז אָנגעמערקט אַרויסגעבן אין אוקראַינע, מאָסקווע, מינסק 824 פאַרשיידענע ביכער, מיט א טיראַזש פון העכער 3 מיליאָן עקז. די מאָסקווער ייִדישע אָפּטיי־

לונג פון צענטערפארלאג האט א פלאן ארויסצוגעבן 143 פארשיידענע ביכער מיט
א טיראזש פון 871 טויזנט עקז. עס איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען אזא
ציפער: אין פוילן גייט אין דורכשניט יעדעס בוך ארויס אין 900 עקז., בא
אונדז — אין 4 טויזנט עקז. מאסן-ביכער גייען בא אונדז אפילע ארויס אין
10 טויזנט עקז. און לערנביכער — אין 25—30 טויזנט עקזעמפליארן און מער.
דאס איז שייעך די אלגעמיינע צאל ביכער און דעם אלגעמיינעם טיראזש.
וויכטיקער זיינען אבער די ביכער גופע, וואס ווערן ארויסגעגעבן בא אונדז און
אין פוילן. פון דער קנאפער צאל ביכער, וואס גייט ארויס אין ווארשע איז
די גרעסטע צאל בעלעטריסטיק און בעלעטריסטיק פון אזעלכע פאשיסטישע
שרייבער ווי שאלעם אש. בא אונדז פארנעמט א גרויס ארט לאנדווירטשאפטלעכע
ליטעראטור. אין 31-טן יאר ווערט אנגעמערקט ארויסלאזן 69 פארשיידענע
לאנדווירטשאפטלעכע ביכער און בראשורן מיט א טיראזש פון א פערטל מיליאן
עקז. בא 100 פארשיידענע לערן-ביכער מיט אנדערהאלבן מיליאן עקז. מיר
גיבן ארויס א גרויסע פאליטישע, טעכנישע, וויסנשאפטלעכע ליטעראטור. אין
די פלענער אפן 1931 יאר איז אנגעמערקט ארויסגעבן אין יידיש מארקסן, ענ=
געלסן, לענינען, פלעכאנאוון, און אנד. דא איז שוין איינגאנצן אומעגלעך צו
געפינען א וועלכן ניט איז פארגלייך-צייכן צווישן אונדזער ביכער-פראדוקציע
און דער ביכער-פראדוקציע אין אויסלאנד. ווייל ווי קאן מען פארגלייכן דאס
ארויסגעבן אין יידיש כומעש-מייסעלעך, טאנאך, טאלמוד מיט ארויסגעבן אין
יידיש... מארקסן, ענגעלסן, לענינען! די דריי טעגלעכע יידישע קאמוניסטישע
צייטונגען „עמעס“, „שטערן“ און „אקטיאבער“ גייען ארויס אין 60 טויזנט
עקז. דער „עמעס“, די צענטראלע קאמוניסטישע צייטונגען גייט ארויס אין
32 טויזנט עקז. 60 טויזנט עקז. באדייט, אז אן ערעך 200 טויזנט יידישע אר=
בעטער און הארעפאשניקעס לייענען די טעגלעכע יידישע קאמוניסטישע פרעסע,
אויסער דער טעגלעכער יידישער קאמוניסטישער פרעסע האבן מיר א גרויסע
צאל יידישע צווייטעגלעכע צייטונגען, וואס גייען ארויס אין אלע גרעסערע
קרייזן, ווי אדעס, קיעוו, דנעפראפעטראווסק, בערדיטשעוו א. א. וו. אין די יידישע
דארף-ראיאנען גייען ארויס יידישע קאלווירטישע צייטונגען. קאלינינדארף, סטא=
לינדארף, ניי-זלאטאפאל, פרייַדארף; אין בירעבידזשאן דערשיינט דער „בי=
רעבידזשאנער שטערן“. עס גייען ארויס צוויי קאמיוגישע צייטונגען — „יונגע
גווארדיע“ אין כארקאוו און „יונגער ארבעטער“ אין מינסק, צוויי פיאנערישע
צייטונגען „יונגער לענינעץ“ און „זיי גרייט“. „זיי גרייט“ ווערט פארשפרייט
אין עטלעכע און דרייסיק טויזנט עקז. א פיאנערישע צייטונג גייט אויך ארויס
אין קיעוו. דערצו קומען נאך צו דריי ליטעראריש, פאליט-געזעלשאפטלעכע
זשורנאלן: „רויטע וועלט“, „פראליט“ (פראלעטארישער ליטעראטור) און דער
„שטערן“. אין אוקראינע גייען ארויס א פעדאגאגישער זשורנאל אין יידיש
„ראטן-בילדונג“ און א זשורנאל „געזונט און ארבעט“; אין מאסקווע דערשיינט
א יידישער זשורנאל „אפיקוירעס“ און נאך און נאך, שוין אפגערעדט וועגן די
אויסגאבן פון די וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס. עס איז שווער אלין אויס=
צורעכענען און עס איז עפשער ניט נויטיק. פון דעם, וואס מיר האבן דא פאר=
צייכנט ווערט שוין קלאר, וואס פאר א גרויסע פארלעגערישע ארבעט עס ווערט
בא אונדז געפירט.

.II

געווען איז דאָס אין 19=טן יאָר, אין יאָר, ווען דער אַרבעטער=קלאַס האָט געפירט פאַראַקשנטע שלאַכטן פאַר אַרבעטער=מאַכט און אַרויסגעוויזן אַזויפיל שעפערישע ענערגיע — אין דעמדאָזיקן יאָר איז געקומען דאָוויד בערגעלסאָן און האָט אָנגעשריבן אין איינעם א קיעווער זשורנאַל א גרויסן אַרטיקל „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט“. ער האָט דאָרט געזאָגט: דער פּראָלעטאַריאַט וועט קיין קונסט ניט באַשאַפן, קונסט האַלט זיך אַף אַלטן איינגעשטעלטן לעבן, אַף אַלטע טראַדיציעס, באָלשעוויקעס ברעכן דאָס אַלטע איינגעשטעלטע לעבן, באָלשעוויקעס מאַכן א סאָף מיט אַלע טראַדיציעס — וועט קיין קונסט ניט זיין.

עס איז פאַרלאָפן ניט מער, ווי א צענדליק יאָר, א פּאָר „פינפיאָרן“ אַף אונדזער סאָוועטישן לאָשן, און עס איז אויסגעוואַקסן א גרויסע סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור. דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז גראַד די רעוואָליוציאָנערע צייט, די גרויסע פּראָלעטאַרישע איבערקערעניש און סאָציאַליסטישער איבערבוי שאַפן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַרן אויפקום פון א גרויסער ליטעראַטור. ביז דער רעוואָליוציע האָבן יידישע שרייבער זיך אַרומגעטראָגן מיטן יידישן גוויר, יידישן מענאַכעם מענדל, יידישן אינטעליגענט. און נאָך ביז איצט טראָגן זיך אַרום יידישע שרייבער אין אויסלאַנד מיט דידאָזיקע געשטאַלטן. שאַפן זיי ניט קיין נייס, כאַזערן זיי זיך טויזנט מאָל איבער. באַ אונדז זיינען נייע מענטשן געקומען אין דער ליטעראַטור, אייגענע, נאָענטע. ביז דער רעוואָליוציע האָט מען זיי ניט געוווסט. ווער האָט אַשטייגער פריער געהערט און געקאָנט איציק פעפערן, איזי כאַריקן, א. קושנעראָוון, גאָדינערן, יודל יאָפען, אַלבערטאַנען, ראַבינען, דאַניעלן און נאָך, און נאָך. זיי זיינען אַלע געקומען אין דער ליטעראַטור אין די נאָכאָקטיאַבער=יאָרן. פיל פון אונדזערע שרייבער זיינען געקומען פון וואַרשטאַט, פון די שוץ=גראָבנס, האָבן זיי דעריבער צו דערציילן פון יאָרן פונעם בירגער=קריג איז זיי אַזוי אייגן און נאָענט די סאָציאַליסטישע בויונג.

און עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, — כאָטש זייער נאַטירלעך, — וואָס די שטאַרקערע ווערק גיבן גראַדע די פּראָלעטאַרישע שרייבער און דיכטער. זיי פירן מיט זיך איצט די גאַנצע איבעריקע סאָוועטישע ליטעראַטור. אויך די סאָוועטישע פּראָזע איז די בעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור פון גאָר דער וועלט. די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז ניי, אינטערעסאַנט טאַקע דערפאַר, וואָס מיר טרעפן דאָרט נייע געשטאַלטן: דעם קאָמוניסטישן קעמפער, דעם פּאַרטיזאַן און רויטאַרמייער, דעם יידישן האָרעפאַשניק אַף ערד=אַרבעט, דעם נייעם יידישן פּראָלעטאַריער. עמעס, דעם יידישן פּראָלעטאַריער האָט מען נאָך זייער ווייניק באַשריבן, מיר ווילן, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריער זאָל פאַרנעמען אַזא אָרט אין דער ליטעראַטור, ווי ער פאַרנעמט אינעם פּאָליטישן לעבן פון אונדזער לאַנד. איצט גייט אין דער ליטעראַטור דער אַרבעטער=שלאָגלער, איצט פירן מיר א גרויסן קאַמף פאַר דעם, אַז די ליטעראַטור זאָל געבן אַרבעטער=געשטאַלטן, געשטאַלטן פון קאָלווירטניקעס. מיר ווילן דאָס געווים דערגרייכן. עס איז ניטאָ קיין זאַך אַף דער וועלט, וואָס באָלשעוויקעס זאָלן ניט דערגרייכן! צו דער טעמע פאַבריק, אַרבעטער ציען זיך ערשט אַלע סאָוועטישע שרייבער. פּלע־כאַנאָוו האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען די גרויסע באַפרייונג=אידייען וועלן אַריינגיין אין בלוט און אין פלייש באַם דיכטער וועט ער דעמאָלט געבן גרויסע

קונסט=ווערט. האַנדלט זיך טאַקע וועגן דעם, אַז די קאָמוניסטישע אידייען זאָלן אַריינגיין אין בלוט און פלייש פון אַלע אונדזערע סאָוועטישע דיכטער. דעמאָלט וועלן זיי געבן גרויסע ווערק וועגן דעם העלד פון אונדזער צייט, דעם פּראָלעטאַריער. זייער פיל שרייבערישע, דיכטערישע נעמען שוין די יונגע יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור. אויך דאָ באַווייזט זיך די שעפערישקייט פון אונדזער לאַנד, די שעפערישקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט. עס שפּאַרט פון אומעטום אַ פריידיק לעבן. עס ברויזט אַן אויפגעוועקטע ענערגיע פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע איז פאַראַן פון וואָס צו דיכטן, פון וואָס אָנצושרייבן גרויסע, פאַרכאַפּנדיקע ווערק. די צוועקן פון דער ליטעראַטור זיינען אויך אַזעלכע גרויסע. זי, די ליטעראַטור, דאַרף העלפן אויספילן די שלאַכט=אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַרן פּראָלעטאַריאַט. די ליטעראַטור דאַרף מיט אירע מיטלען העלפן אויספילן די אויפגאַבן, צו אויסבויען דעם סאָציאַליזם. די ליטעראַטור איז באַ אונדז דער קינסטלערישער אַגיטפּראָפּ.

זוי בלאַס און נישטיק איז די בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע יידישע ליטעראַטור אין פאַרגלייך מיט אונדזערער, דער סאָוועטישער. גענוג איין ביישפּיל. פון דער קנאַפּער צאָל ביכער, וואָס דרוקן זיך אין פוילן, באַשטייען זיי קימאַט אַף אַ העלפט פון שאָלעם אַשס ביכער וועגן ליבע=אַוואַנטיורעס, קוואַטשיקע סענטימענטאַלע מייסעס וועגן יידישע גווירים, סוידעסדיקע מאָרדן. אָט די אַמעריקאַנישע שונד=ראָמאַנען, וואָס ווערן געבאַקן אין די הונדערטער, קעדיי אונטערצוקיצלען דעם זאַטן בורזשואַזן אוילעם און קעדיי צו פאַרפינצטערן די מויכעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

א נישטיקע ליטעראַטור מיט געמיינע נישטיקע בורזשואַזע צוועקן.

קאַפּיטל אַכט

סאַכאַקלען און אויספירן

מיר האָבן אין אונדזער אַרבעט נית אַרומגעכאַפּט די גאַנצע קולטור=אַרבעט, וואָס ווערט געפירט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע אינעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָס וואָס מיר האָבן אָבער דאָ פאַרצייכנט גיט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער גראַנדיעזער אָפּגעטאָגענער אַרבעט אַף צו באַדינען די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. עס גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן די גרויסע וווּקס=מעגלעכקייטן וואָס עס האָט די סאָוועטישע יידישע קולטור. יאָרן לאַנג האָבן די בונדאָווצעס געוואָלט דערווייזן, אַז אויב די בילדונג וועט זיך געפינען אין די הענט באַ דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע און נית אין די הענט באַ יעדן פאָלק, דאָס הייסט, באַ דער בורזשואַזיע, וועט קיין בילדונג נית זיין. וואָרום ווי אַזוי קאָן אַ רוסישער אַרבעטער דיריגענען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור? אַוודע, קאָן ער נית, האָבן פּעסט געענטפערט די בונדישע נאַציאָנאַליסטן. וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור קאָן דיריגענען בלויז ער, דער „בונד“, צוזאַמען מיט דער יידישער בורזשואַזיע, צוזאַמען מיט די ציאָניסטן און קלייקוידעש. זיי אַלע וועלן זיך שוין צונויפקלייבן אין דער קעהילע און מע וועט אויסאַרבעטן אַ „פּאַטילעטיקע“ פון אויסבויען מיקוועס, טאַלמעדטוירעס און יידישיסטישע יעשיוועס.

אָט אזוי לעמאָשל, ווי ס'קומט פאָר אין ניו-יאָרק. די ניו-יאָרקער יידישע קעהילע נימ אוים אלע יאָר 53 מיליאָן דאָלער אַף אויסהאַלטן 1000 באָטע-מעדראָשים און סינאַגאָגעם (קימאט אזויפיל וויפל יידישע סאָוועטישע ארבעט-שולן אין ראטנפארבאַנד), 450 ראבאָנים, 150 כאַזאָנים, 73 סינאַגאָגע-כאָרן, 70 טאַלמעדטוירעס, 5 יעשיוועס (וואָס קאָסטן אליין אָפּ 5 מיליאָן דאָלאר א יאָר), 3 ראבינער-סעמינארן און 6 לערער-סעמינארן. אָט האָט איר אייך א „בילדונג-סיסטעם" און א גאנץ פארצווייגטע. דאָס איז דער אידעאל פון „בונד", דאָס זיינען די פרוכטן פון דער טעאָריע, וואָס הייסט נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע — יעדער פאָלק, דאָס הייסט, יעדע בורזשואזיע פירט זיך אליין אָן מיט איר בילדונג-אַרבעט.

באַ אונדז אין לאַנד געפינט זיך די גאַנצע בילדונג-אַרבעט בלויז אין די הענט פון דער פראָלעטאַרישער מעלוכע. גייען טאַקע אונטער די יעשיוועס מיט די באָטעמעדראָשים, די ראבאָנים מיט די כאַזאָנים, די מיקוועס מיט די ראבינער-סעמינאַרן און עס קומט אוף אַ געוואלטיק גרויסע נאָך קיינמאָל נימ געזעענע יידישע רעוואָליוציאָנערע מאַסן-קולטור. איין גרעסערער קרייז אונדזערע, לאָמיר זאָגן קיעוו, דעקט די גאנצע, מישטיינס געזאָגט, „קולטור", וואָס זיי האָבן אין בורזשואַזן פוילן. פאר דער בילדונג איז באַ אונדז איצט פאראנטוואָרטלעך נימ נאָר דער בילדונג-קאָמיסאריאַט און זיינע אָפּטיילן אַף די ערטער, נאָר אויך אַלע אונדזערע איבעריקע אָרגאַניזאציעס. זאָרגן איצט די פארטייִשע, פראָפעסיאָנעלע און סאָוועטישע אָרגאַניזאציעס פאר אלע שולן, דערין אויך פאר די יידישע. עס איז שוין איצט אַן אָפּטע דערשיינונג, אז אַף אַלגעמיינע פאר-טיי-פארזאמלונגען באַהאַנדלט מען פראגן וויאַזוי צו העלפן יידישע אַרבעט-שולן, מע טיילט אוים קוואַליפיצירטע איבערגעגעבענע אַרבעטער אַף לערנען מיט די יידישע שילער די אַרבעט אין דער אונטערנעמונג, מע טיילט אוים מיטלען אַף אָרגאַניזירן ווארשטאַטן פאר דער יידישער שול און נאָך, און נאָך. אַף דעם פאַקט איז באַזונדערס בוילעט צו זעען דעם אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור-אַרבעט אין ראטן-פארבאנד, דאָ הערשט דער באָלשעוויסטישער פרינציפּ — מע שאַפט איין סאָציאַליסטישע קולטור, כאָטש מע רעדט אַף פארשיידענע שפראכן.

די לעצטע אָנדערהאלבן יאָר שטעלן מיט זיך פאָר א גרויסן קער אין דער קולטור-רעוואָליוציע באַ אונדז אין לאנד. ערשט פאר די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר זיינען מיר ווי געהעריק צוגעטראָטן צו פארווירקלעכן לעניגס אָנזאָגן וועגן פאָליטעכניזירן אונדזער שול. און פאר אזא בעערעך נימ לאַנגער צייט האָבן מיר באַוויזן צו אָרגאַניזירן א גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פאר איבער-בויען אונדזער שול-וועזן. די איבערוועגנדיקע צאָל שולן אין אלע רעפובליקן פון אונדזער סאָציאליסטישן פארבאנד זיינען שוין צו היינטיקן טאָג צוגעפעסטיקט צו אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און דערמיט זיך פעסט געשטעלט אפן וועג צו פארוואנדלען זיך אין סאָציאַליסטישע פאָליטעכנישע שולן.

די לעצטע באַשטימונג פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון אונדזער פאַרטיי וועגן דער אָנפאנג- און מיטלשול האָט פארצייכנט גרויסע דערפאָלגן אפן פראָנט פון דער קולטור-רעוואָליוציע. אונדזער אָנפאנג- און מיטל-שול כאפט איצט ארום אן ארמיי פון 20 מיליאָן שילער, אָנשטאָט 7800 טויזנט שילער אין

1914 יאָר. און וואָס עס איז באַזונדער וויכטיק, — די 20 מיליאָן שילער זײַנען אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט קינדער פון פּראָלעטאַריער און האָרעפּאַשניקעס.

„פּרינציפּיעל אַן אַנדערע איז אויך געוואָרן דער אינהאַלט פון דער גאַנצער שול=אַרבעט“. דאָ און דאָרט האָבן מיר שוין עמעסע מוסטערן פון סאָציאַליסטישע אַרבעט=שולן. דאָס זײַנען גרויסע און וויכטיקע זיגן. באָלשעוויקעס זײַנען אָבער אַ פּאָלק, וואָס באַרויִקט זיך ניט אַף דעם, וואָס עס איז פאַראַן צו פאַרצײַכענען גרויסע סאַכאַקלען, באָלשעוויקעס וואָרענען וועגן דער קרענק, וואָס הייסט: „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג“. די באַשטימונג פון דעם צענטראַל=קאָמיטעט רופט צום שלאַכט פאַר דער קוואַליטעט פון אונדזער שול. אונדזער לאַנד דאַרף אין פאַרלויף פון אַ יאָרצענדליק דורכלויפן יענעם היסטאָרישן וועג, וואָס אַנדערע לענדער און פעלקער זײַנען דורכגעגאַנגען צענדליקער און הונדערטער יאָרן. מיר דאַרפן א ר י ב ע ר י אָ ג ן די מעכטיקסטע לענדער פון טעכניק — ענגלאַנד פאַרייניקטע שטאַטן, דײַטשלאַנד. דערצו זײַנען נויטיק באָלשעוויסטישע טעמפּן פון אַנטוויקלען אונדזער סאָציאַליסטישע פאָלקסווירטשאַפט, דערצו איז נויטיק אַז אונדזער גאַנצע לאַנד זאָל ווערן גראַמאָטנע. אונדזער שילער, דער מאָרגנדיקער פּראָלעטאַריער, אָדער קאָלווירטניק דאַרף באַוואָפנט ווערן מיט אַ קאָמוניסטישער וועלטאָנשויונג מיט אַ גרויסער אַלגעמיינער בילדונג.

לעניניס ווערטער וועגן דעם, אַז „דער פאָלקסלערער דאַרף בײַ אונדז אַוועקגעשטעלט ווערן אַף אַזאַ הייך, אַף וועלכער ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען, שטייט ניט און קען ניט שטיין אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט“ באַטייט, אַז מיר דאַרפן אויסבויען אַזאַ שול, וועלכע איז ניטאָ און קען ניט זײַן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. און צו דעם רופט אונדז די באַשטימונג פון צענטראַל=קאָמיטעט וועגן דער אָנפאַנג= און מיטל=שול.

פאַר אונדזער פּעדאַגאָג ווערט אַלץ מער קלאָר, אַז קעדיי צו באַהערשן זײַ פאַך, קעדיי צו זײַן אַ גוטער ספּעציאַליסט דאַרף ער גוט אויסשטודירן דעם מאַרקסיזם—לעניניזם, דאַרף ער קענען פאַרשטיין און זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דער מאָדערנער טעכניק. בײַ אונדז אין לאַנד ווערט איצט געפירט אַ גרויסע מאַסאָווע אַרבעט אַף צו העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די שולטוער. נאָך דער פּאַרטיי=באַשטימונג איז דער שטורמישער דראַנג בײַ די שולטוער צו העכערן די קוואַליפיקאַציע נאָך גרעסער געוואָרן. דאָס באַטײַט אַז דער שולטוער ווערט נאָך „ענגער פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי, מיט אירע אידייען, ער ווערט נאָך מער דורכגעדרונגען מיט איר גייסט“ (לענין).

אונדזער לאַנד טרעט איצט צו אײַנצופירן גייע מינים אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג. ערשטנס, אַלגעמיינע 7=יאָריקע בילדונג פאַר דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר. מיר קענען זיך שוין ניט באַפרידיקן מיט דער 4=יאָריקער אַלגעמיינער בילדונג. ווײַטער: עס פעלן אונדז הונדערטער טויזנטער שילער פאַר די פאַבריק=זאַוואָדישע שולן (פאַבזאַווטש). גאָר אין דער נאָענטסטער צײַט דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן די פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי וועגן אַלגעמיינער פּאָליטעכנישער בילדונג פאַר אַלע קינדער און יוגנטלעכע ביז 17 יאָר. אין די פאַבריק=זאַוואָדישע ראַיאָנען איז מען שוין צוגעטראָטן צו רעאַליזירן דידאָזיקע פּאַרטיי=פאָדערונג. מיר דאַרפן אין דער נאָענטסטער צײַט אײַנפירן אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע פאָרשול=בילדונג פאַר מיליאָנען פאָרשול=קינדער. דאָס וועט באַ=

דייטנדיק הויבן די קוואליטעט פון אונדזער גאנצער קאָמוניסטישער בילדונג= און דערציִונג=אַרבעט אין די ווייטערדיקע רינגען פון דער שול. דאָס וועט אויך באַפרייען צענדליקער טויזנטער מוטערס פאר דער סאָציאַליסטישער פאבריק און פעלד. פון אריינפירן אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע פאָרשול=בילדונג איז אָפּהענגיק דאָס אַריינציען מיליאָנען אַרבעט=פרויען אין דער פראָדוקציע.

מיר דארפן אף אן אָבליגאַטאָרישן אויפן ליקווידירן דעם אַנאַלפאבעטיזם און ווייניקאיווערדיקייט בא דער גאנצער באַפעלקערונג אין ראטנפארבאַנד. אין די נאָענטסטע פאָר יאָר דארף פון דער אַנאַלפאבעטיזם און ווייניקאיווערדיקייט קיין זייכער ניט בלייבן.

אינהאלט

זײַט

1. די באָלשעוויסטישע נאציאָנאלע פּאָליטיק 3
2. די גאנצע קולטור-ארבעט צו דינסט דער סאָציאליסטישער בויונג 5
3. אלגעמיינע בילדונג אין דער יידישער סוויווע 9
4. פּראָפעסיאָנעלע בילדונג אין דער יידישער סוויווע 12
5. העכערע בילדונג אין יידיש; יידישע וויסנשאפטלעכע אינסטיטוטן 15
6. פּאָליטישע אויפקלער-ארבעט אין יידיש 19
7. אונדזער פארלאג-ארבעט; די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור 23
8. סאכאקלען און אויספירן 26

צענטראלער פעלקער-פארלאג
באם פרעזידיום פון צא״ק פון פ. ס. ס. ר.

עס געפינען זיך אין פארקויף:

1. א. ס. בובנאָוו — וועגן אונדזערע קולטור-אויפגאבן. 48 ז. פרייז 20 קאָפּ.

2. ב. נאטאנזאָן — קאָלעקטיוויזאציע און קולט-ארבעט אין יידישן דאָרף. 48 ז. פרייז 15 קאָפּ.

3. ב. קאָבלענץ — פאר ארבדאָרפקאָרישע בריגאדעס. 104 ז. פרייז 50 קאָפּ.

4. פּ. ט. ראָזנפעלד — קאדרען פאר דער קולטור-רעוואָליוציע אין דער יידישער סוויווע. 56 ז. פרייז 25 קאָפּ.

5. פּ. ט. ראָזנפעלד — דאָס יידישע שטעטל אין פעריאָד פון אינדוסטריאליזאציע און דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע. 96 ז. פרייז 45 קאָפּ.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Москва 9, Кузнецкий мост 4, Книжпочта Центриздата.

האנדל-אָרגאניזאציעס ווייזן אָן דעם נומער פון זייער לויפנדיקער רעכענונג, ביכער ווערן ארויסגעשיקט מיט א נאָכנאמע, קיין אויפגאָבן ווערן ניט אָנגענומען.